לייטערט זיך גרויער הימל בלוי אויס — א וווּנדער!
גרויס, זילבער זון באַווייזט זיך, געהעמערט, געדינט.

אין שלאָקס רעגנס, גאַנצע טעג געפּלייצט געגאָסן,
און אין די נעכט, טראָפּ טראָפּ, ס׳טריפט און רינט,
די סוף־זומער־פעדעם זיך געוואַשן און געשוווענקט,
און דעם הימל תכלת־זיידנדיק אויסגעשפּינט.

2

מינדסט ווינטל און ס׳שיטן זיך די בלעטלעך,
„ווּ זיך פאַרשטעקן מיט האַרץ פול געשווייג״?
קורטשעט זיך שטילינק טוליענדיק קעפּל,
און ס׳פאַרגליווערט אין טרויעריקן גענייג.

נישט א זינגענדיק פייגעלע ס׳איז מער —
א סענק אַרויס שטאַרטשענדיק פון א צווייג!
ס׳ליידיק ביימל אין זון אַרום אים,
קונציק פאַרפלאָכטן — א גאָלדענער שטייג.

3

מיט גרויסן בעזעם דער גערטנער,
די וויאַנע־בלעטער שוין פאַרקערט;
האַרך, זייער כליפּנדיק געשאַרך!
לעצטן גסיסה־כאַרכל מען הערט.

געגרינט, געבליט און געקנאָספּעט,
אויף שפּיץ בוים וועלטן געקערט!
און אַצינד פון זיך אַליין שוין,
א פוילער ריח־געערוך זיך הערט.

4

צוויי לעצטע אַסטערן
שטייען נאָך אויף א בייט
פאַרנייגט זיך איינע שטיל:
„חברטע, ביזט שוין גרייט״?

„זע נאַר״, ענטפערט זי איר:
ווי גרויס דאָרט איצט די פרייד״!
און ווי די צוויי שעפּטשען,
די זון מיט זיי פאַרגייט.

5

ווי רויט ס׳רויזל,
פיבעריק גליט;
ביידע בעקלעך,
קרענקלעך צעבליט.

ס׳קעפּעלע הענגט,
צום שטאַרבן מיד:
אַז נאָך א נאַכט,
אַן אונטערשיד?

6

טיף פון אונטער דער ערד א קלעביקער וואָרעם,
איז אַרויסעט, דעם זון־פאַרגאַנג ער האָט דערשפּירט;
וועט ער זיך ערגעץ־ווּ דערשלעפּן, אַנקומען,
איידער די חשוון־נאַכט פאַלט צו און ער דערפרירט?

בלויז וואוהין דען, א חוץ ווערן צעטראָטן?
בלייבט ער בלאָטיק שטעקן, ווּ פון שכל גערירט;
נישט פון טויט־שרעקן, פון א געוואַלטיקער פרייד —
אַז אַזא זון נאָך זען בלויז, ער האָט אויסגעפירט!

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 444) ניין און צוואַנציקסטן יאָר, דעצעמבער 1968, לאָנדאָן


א י נ ה אַ ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| די אַכט־רעריקע חנוכה־מנורה, נס גדול היה שם | | 3 |
| דער קאַמף פון די חשמונאים קעגן אומטאָלעראַנץ (עסיי) | י. ריכטיגער | 6 |
| אַלץ וואָס איך בין (ליד), | יוסף לעפּטוויטש | 15 |
| פאַרוואָס מען האָט נישט אַריינגעלאָזט אין גן־עדן אַריין הגאון מורינו רבי ישראל איסערליין תיכף נאָך זיין פּטירה | ש״י עגנון | 15 |
| אַראָפּ פונם יריד . . . קאָנוואַלעסענץ (פּראָזע, פּאָעזיע) | א. נ. שטענצל | 19 |
| עמפּייר־סטייט בילדינג (ליד) | אהרן ווערגעליס | 31 |
| דאָס ענדע פון יאָר (ליד) | עלא זילבערג | 32 |


## יידישע ליטערארישע שבת־נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד מאַראַן סעטלמענט, העגריקעס סט., 33, א.1. יעדן שבת 3 אַזייגער)

שבת, דעם 21סטן דעצעמבער — אַ חנוכה־פּראָגראַם ס׳באַטייליקן זיך: נעט רובין, אייזיק גאָלדבערג און מאיר באָגדאַנסקי.

שבת, דעם 28סטן דעצעמבער — סעם לעף: די פּאָליטישע אויסזיכטן פאַרן יאָר 1969.

שבת דעם 4טן יאַנואַר — לייענען יהודה ביטש׳ס דערציילונגען צום טאָג פון זיין יאָרצייט.

שבת, דעם 11טן יאַנואַר: דאָס 30סטע יאָר פון „לשון און לעבן״.

---

דאָס אַרטיקל פון ש. י. האַרענדאָרף צו יוסף פרענקלס יובל א.א. — אַלץ אין קומענדיקן יום־טוב נומער. — 30 **יאָר „לשון און לעבן״.**


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### פּרייז 2 שילינג

אבאָנאַמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר א יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר א יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*

די פינף און צוואַנציקסטע יאָרצייט פון שאול טשערניכאָווסקי איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן ביי דער „לעבעדיקער ציַיטונג" פונם יידישן שרייבער־פאַראיין און העברעאישן קלוב צוזאַם מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס: גערעדט איבערן שאַפן פון גרויסן פּאָעט שאון טשערניכאָווסקי האָבן אהרן מגד, דער קולטור־אַטאַשעע ביי דער ישראל־אמבאסאדע; ד"ר מאיר גערטנער און ש. גאָלד־שמידט. מ'האָט געלייענט טשערניכאָווסקיס העברעאישע לידער, און דער גוט באַקאַנטער אַקטיאָר יוליאַן גאָלד האָט רעציטירט טשערניכאָווסקין אין יידישער איבערזעצונג. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יוסף פרענקל.

דער העברעאישער קלוב אין לאָנדאָן האָט וואַרעם אויפגענומען ביי אַ גלעזל טיי מיט פאַרבייסן דעם באַרימטן העברעאישן פּאָעט אברהם שלאנסקי. דער חשובער גאַסט האָט גערעדט: „יחידישע און סאָציאַלער דיכטונג", איבער זיין שאַפן האָבן גערעדט אהרן מגד, ד"ר מאיר גערטנער און אַנדערע. דער קבלת־פּנים איז געווען אַ חבריש־וואַרעמער. בעת זיין אויפנטהאלט אין לאָנדאָן האָט ער אויך געהאַלטן אַ רעפעראַט אויפן ראַדיאָ צו די יידן אין רוסלאַנד.

דער באַרימטער העברעאישער פּאָעט אברהם ברוידעס, אויפן וועג צוריק פון אַמעריקע קיין ארץ־ישראל, איז דאָ וואַרעם אויפגענומען געוואָרן ביי אַ „לעבעדיקער ציַיטונג". דער פּאָעט האָט גערעדט איבער זיין לעבנס־וועג אין דער העברעאישער דיכטונג. אים האָט באַגריסט דער רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן".

די חברים־גרופּע פון יידישן טעאַטער אין גרענד־פּאַלעי גייט אָן מיט אירע אויפפירונגען, נישט נאָר אין טעאַטער אין ווייטשעפּל, נאָר אויך אין פאַר־שיידענע גרויסע זאַאַלן אין סטאַפאָרד־היל און אויף אַנדערע ערטער. די גרופּע האָט גרויס דערפאָלג מיט די קאָמעדיעס פון דעם גוט באַקאַנטן אַקטיאָר הערי אַריעל. דער ענגליש־ריידנדיקער עולם איז זיך גאָר גע־וואַלדיק משמח.

די אַקטריסע אסתר זילבערבערג איז לעצטנס אַריינגעטרעטן אין דער חברים־גרופּע און נעמט שטאַרק אויס ביים עולם מיט איר יידישער דיקציע און קאַרעקטן שפּילן.

לייבל פעלדמאַן, געפינט זיך אויף אַ לענגערן באַזוך דאָ אין לאָנדאָן.

יעקב ריכטיקער איז אָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך קיין לאָס־אַנדזשעלעס.

ביי אַ „לעבעדיקער ציַיטונג", האָבן געהאַלטן רעפעראַטן איבער דער סיטואַציע יעצט אין פּוילן און אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי ש. י. האַלרענדאָרף, יואל צאַנג און מיכאַל זילבערבערג — פאָרזיץ יוסף פרענקל.

ביי דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט פון ענגלאַנד איז דערשינען אַ היסטאָרישע שטודיע איבער מזרח־יידן אין ענגלאַנד פון אהרן ראָלין.

דוד בערמאַן, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ לענגערער נסיעה אין ישראל, האָט דערציילט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס פון זיין לעבן אין אַ קיבוץ און פון אויסגראָבונגען ביים כותל־מערבי, וואו ער האָט אויך מיטגעאַרבעט.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 444) ניין און צוואַנציקסטן יאָר, דעצעמבער 1968 לאָנדאָן

## די אכט-רעריקע חנוכה-מנורה

זיבן רערן די בית־מקדש מנורה,
פאַרוואָס דאָס חנוכה־לעמפּל גאָר אַכט?
צו די ספירות, צו די שבע חכמות
מוז מען אויך האָבן די מכבי־מאַכט.

נישט נאָר פון שונא — פון די אייגענע
ווערט דער שוואַכער פאַרשפּאָט און אויסגעלאַכט!
זיבן רערן די בית־מקדש מנורה,
מיט דער מכבי־פאקל אַכט עס מאַכט.

די חכמה פון שוואכן לייכט צעבראָכן,
אויסגעלאָשן ווערט די ליכטיקסטע פראַכט,
אָן די נר־תמיד קדושה־פלאַמען
דער העלדן־פלאַקער וואָכעדיק פאַרשוואַכט —

אַז וואָס איז דאָס הייליקסטע בית־המקדש
אָן דעם שומר וואָס די מויערן באַוואַכט?
צוזאַמען אָבער איז עס ס'גרויסע ליכט,
וואָס לייכט אין דער חשכות־פינסטערער נאַכט.

## נס גדול היה שם

...ווען מיר דערפילן אונזער וויי, אונזער לייד,
צי דאָ, צי דאָרט, וואָס איז דעמלט דער אונטערשיד?
פון מינדסטן נסיון־פלעמל, פון פינקעלע נס
פאַקלט אויף, פלאַקערט אויף ס'פינסטערסטע פינטעלע ייד.

וואָלטן מיר דען אויסגעהאַלטן ביז אַצינד,
ווען נישט מתיתיהו מיט זיינע מכבי־זין?
דער נצחון איצט דאָרט באַנייט אונזער כח,
ווי פאַרוואָרפן ווידער ווערן און וואוהין.

אַ קרבן לד', אַ שעיר לעזאזל—
אויף קידוש־השם־נסיונות רק גרייט זיין צו זיין?

ס׳גייט אין דעם: לעצט פלעמל מיט הוילע הענט
באַשיצן צו קענען—לעבעדיקער נס צו זיין.

## איין גאט ווייסט

דער סאָנעט צום קאַרל מאַרקס־יאָר, 1968־1868

נישט נאָר דער רויטער פאָדים ווערט ווייס,
אַז אַ שעיר לעזאזל ווערט געברענגט,
רויטע פאָן אָפּגעבליאַקעוועט הענגט —
יושר ווערט נישט געמאַכט מיט אַלדאָס בייז.

נישט נאָר הייליקער גייסט, קריסטוס־„קרייז״,
מען האָט צוויי טויזנט יאָר אויסגעקרענקט,
נאָר פאַר קאַרל מאַרקס דער וועלט געשענקט,
וואָס מיט אונז נאָך זיין — איין גאָט ווייס.

אַ פאָן געווייקט, געצוואָגן אין בלוט,
געטובלט, געוואַשן רק אין טרערן,
אַנדערש דען ווי אַ שמויטע־פאָנע ווערן?

ווי גאָט און גייסט, ווי הייליק, ווי גוט,
ווילאַנג מענטשלעכן קרבן זיי דאַרפן,
נישט אויפהערן שווערדן זיך צו שאַרפן.

## א ליכטל צו צוקאפנס ארנאלד צווייגן, ע״ה

מיר טראָגן אַזאַ פלעמל אין האַרצן,
וואָס קאָן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן;
עס צאנקט, עס שמעלצט, רייכערדיק עס קאפטשעט,
בלויז צו ברענען קיינמאָל נישט אויפהערן.

לעצטער פונק אונטער אש שוין נישט פארלעשט —
צוריק צעבלאָזן פון בייזסטע ווינדן!
און נישט נאָר אַליין עס ברענט און פלאַמט אויף,
ס׳פאַרלאָשנסטע קנייטל ס׳טוט אָנצינדן.

מיר טראָגן אַזאַ פלעמל אין האַרצן,
מיט לייב־ן־לעבן מיר טוען׳ס באַשיצן,
ביז פינסטערע ערד אַ צעפונקלטע,
מאָרגנשטערן ליכטיקער אויפבליצן.

ווי איינגעשפארט ס׳ברענט אין אונז, ס׳גליט אין אונז,
פונם האַרטסטן שטיין ארויסצושלאָגן —



אין אַ לעצטער טרער פינקלט עס נאָך אויף,
דאָס פלעמל וואָס אין האַרצן מיר טראָגן.

## שוין...

גערמאַניע אַ פאָלק צווישן פעלקער צוריק —
עם־ישראל האָט דאָך זיי שוין אַלץ פארגעבן!
האָט דער לאַנץ־קנעכט נישט באַוויזן וואָס ער קען?
אַטאָם־באָמבע איצט מ׳ברויך זי אים נאָר צו געבן.

ברידער־קברים פאַר גאַנצע פעלקער מאַכן,
אַז אַ רויך ס׳וועט גיין — קרעמאַטאָריעס אויפשטעלן!
אויב ס׳וועט איבערבלייבן אַביסל פליטים,
גוט־מאַכונג געלדער — שוין אַלץ גוט מאַכן וועלן,

צי וועט דען נישט ישראל אַלצדינג פאַרגעסן?
זאָל נאָר די כותל־מערבי גאַנץ אונז בלייבן!
צו קליין אויפגעשטעלט די מויער אין בערלין,
אַזאַ „מנה תקל״ אויף איר אויפצושרייבן.

## שוין!

און זאָלן מיר אויספלאַסטערן אפילו
דעם ירושלים־הימל מיט של־ראש׳ן,
„יד־האלהים על כס יה״ — די זון
וועט ארויסבלוטיקן דער שילומים־גראָשן.

„מלחמה לד׳ בעמלק״ — —
שטאָט מתחת השמים אויסצומעקן,
האָבן מיר אים גאָר אַ מחילה־האַנט,
אַ בעטלערישן של־יד געטון אויסשטרעקן.

עד דור השלישי אונז פאַרגאַזט, פאַרברענט,
און אונזער דור שוין מיט מערדער פאַרברידערט?
פארוואר מיר זיינען ככל הגוים שוין,
אַז עס צו קענען זיין, זיך אַזוי דערנידערט.

## מיין ערשט דריידל

(פאַר מיין טאַטנס אור־אור־איניקל רחל אביגיל שטענצל אין ארץ־ישראל)

ס׳זאָל קיינער נישט זען, דעם בעזעם איך נעם,
שפּיץ פון שטעקן מיט מעסער אָפּגעשניטן;

אַפּאָר בלאַמבעס פון זאַלץ־זעקל, סטראַזשנע,
חלילה, אַ ברעקל זאַלץ נישט פאַרשניטן.

אותיות אין האַלץ קונציק־פּלינק פאַרשניצט,
אין פליישיקן לעפל דאָס בליי צעלאָזן —
צעשניטן זיך אַ פינגער? איז מילא!
אָפּגעבריט? אויפן הייסן זיך געבלאָזן.

ווי זילבערדיק צעגלאַנצט, ווי לעבעדיק —
אַ פויגל מיט פליגל הויך אויפצופליען,
„נס גדול היה שם“ אויפצוזינגען!
ווי מיינע אייגעלעך גבורדיק גליען —

זייט ס׳בית־מקדש חרוב געוואָרן,
שטאָט קרבנות ברענגען — בעט מען אַ תפילה!
איז נישט דער טיש צום מזבח געגליכן?
זע, ס׳דריידערל שטייט שמונה־עשרה שטילע.

## די מכב״י-ליכטלעך

ווען דער טאַטע די מנורה צוגעגרייט,
די רערלעך געריייניקט, די קנייטלעך געדרייט,
אָנגעגאָסן דעם שמן־זית אייל
מיט גרויס כוונה, פּאַמעלעך, אָן געאייל —

ווי דער כהן־גדול האָט ער אויסגעזען,
אונזער שטוב דער קדשי־קדשים געווען;
כ׳זע נאָך איצט ווי ביי דער מנורה ער שטייט,
אַזאַ הייליק ליכט אין מיין האַרצן אויפגייט — — —

ווי לאַנג איז דאָס שוין, אַ פינסטער לעבן לאַנג,
און ס׳דערמאָנען נאָך אַלץ מיט זייער געצאַנק
די מכב״י־ליכטלעך, ס׳ביסעלע בוימאייל:
„כי מעולם ועד עולם אתה אל“.

י. ריכטיקער

## דער קאַמף פון די חשמונאים קעגן אומטאָלעראַנץ

די בלוטיקע מלחמה צווישן די חשמונאים און די יונים, וואָס די חנוכה ליכטלעך זענען אַ דערמאָנונג פון יידישן נצחון, איז ניט אויסגעבראָכן ווייל



די יידן אין ארץ ישראל האָבן געוואָלט באַפרייען זייער לאַנד פון דער יוונישער איבערהערשאַפט, אָדער וועגן די אידעישע קאָנטראַסטישקייט צווישן דעם יידישן וועלט באנעם און דעם גריכישן, נאָר די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן ווייל די חשמונאים האָבן רעוואָלטירט קעגן דער ייוונישער אומטאָלעראַנץ:

ווען דער „מלכות יון הרשעה“: דאָס רשעותדיקע קעניגרייך פון סירא־סאלייקישן מלך אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט מיט אַן אייזענע פויסט גענומען צווינגען די יידן אין ארץ ישראל אומצובייטן זייער תורה און טראַדיציאָנעלן גאָטסדינסט אויף דער גריכישער מיטאָלאָגיע און דעם העלעניסטישן געטער־דינסט האָבן די חשמונאים, מתתיהו מיט זיינע פינף זין, זיך געשטעלט אין שפּיץ פון יידישן פאָלק צו קעמפן פאַר דער פרייהייט פון זייער גלויבן און רעליגיע.

די רשעותדיקע אַנטי יידישקייט פון אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס מלכות ווערט — ווי מען ווייטער זען — היסטאָריש באַשטעטיקט: ווען אַלעקסאַנדער מוקדאָן האָט געהאָט מנצח געווען די אַרמייען פון פערסישן מלך דאַריוס, דאַריוס דער דריטער, און אַ סוף געמאַכט צו דער דורות לאַנגער אַזיאַטישער וועלט הערשאַפט, האָט ער מיט זיין גענעראַל שטאַב גענומען באַזוכן יעדעס לאַנד פון דער פאַרכאַפּטער פערסישער אימפּעריע און אויך געקומען קיין ארץ ישראל.

אין אַ פינסטערער סוף חודש נאַכט אין דער צייט פון רעגן סעזאָן האָט מען זיך אין ירושלים דערוווסט, אַז דער נייער מלך געפינט זיך ערגיץ צווישן די בערג פון יהודה און איז גרייט אויפצונעמען אַ יידישע דעלעגאַציע. צוליב כבוד המלכות האָבן די דעלעגאַטן ניט געוואָלט וואַרטן ביז עס וועט טאָג ווערן, און מיט פאַקעלס אין די הענט זענען זיי געגאַנגען צום הויפּט־קוואַרטיר פון מלך. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געוואַנדערט איבער בערג און טאָל, ערשט ווען די זונשטראַלן האָבן אויפגעהעלט דעם מזרח און דער שימער פון די בערג האָט אָנגעהויבן דורכזיכטיקער צו מאַכן די טאָלן האָבן זיי דערזען פון דער ווייטן די געצעלטן פון דער מוקדאָנישער אַרמיי.

אַז דער גרייז גראָער כהן הגדול, שמעון הצדיק, וואָס איז געגאַנגען בראש פון פעלקער און פאַרטיליקער פון אימפּעריעס, איז פון דער דאָזיקער דער־אים די שטראַלן פון דער מאָרגן זון אַרומגענומען און צושפּילט אַ פאַרבן רייכע בליצן־רעפלעקציע פון די איידלשטיינער, וואָס זענען געווען איינגע־פאַסט אין זיין „חושן און אפוד“. די פון פורפּור, בלוי און ווייס געוועבטע כהונה קליידער האָבן אין דעם גליטער געבלענדט ווי אַ רעגנבויגן און ווי אַ שיינענדיקער אָרעאָל האָט די „ציץ הזהב“: דער גאָלדענער שטערנבאַנד געבלישטשעט פון זיין ווייסן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַ הימלישער וועזן, ווי איינער פון די געטער, וואָס זיצן אויפן אָלימפּיק, אויסגעדיכטעט און באַשריבן פון האָמער און אַנדערע גריכישער פּאָעטן.

אַלעקסאַנדער מוקדאָן, דער דעראָבערער פון לענדער, אונטערטעניקער פון פעלקער און פאַרטיליפער פון אימפּעריעס, איז פון דער דאָזיקער דער־

שיינונג אַזוי איבעראַשט און היפּנאָטיזירט געוואָרן, אַז ער איז אַרונטער געשטיגן פון זיין פערד און זיך געבוקט צו שמעון הצדיק . . . די פירער פון דער יונישער אַרמיי, וואָס האָבן געזען דעם ספּעקטאַקל, זענען געבליבן שטיין פאַרגאַפט און איבערדרויסיק — דער גרעסטער קעניג פון דער וועלט זאָל זיך בוקן צו אַן אומבאַקאַנטע פריסטערל פון קלענסטן לאַנד — און מיט דערשטוינונג געקוקט אין פּנים פון זייער מלך, האָט ער זיי געענטפערט — אַ גאָט אין דער געשטאַלט פון דעם פריסטער האָט געשוועבט אין פראָנט פון מיין אַרמיי אין אַלע מלחמות מיינע און ער האָט איר געהאָלפן באַזיגן די שטאַרקסטע פעלקער פון דער וועלט. (יומא ס״ט, פלאַוויוס־יוסיפון „דער אַלטערטום פון די יידן בוך 11, קאַפּ. 8).

אין אַ צווייטער אגדה ווערט דערציילט די ווייטער ציטירטע מעשה, — אַז די פעלקער אַרום ארץ ישראל האָבן געהערט וועגן דעם גרויסן כבוד, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדאָן האָט געגעבן צו די יידישע פאָרשטעער, האָבן זיי געזוכט צו דערנידעריקן דאָס יידישע פאָלק אין זיינע אויגן און זענען געקומען צו אים מיט דער פאָדערונג ער זאָל משפּטן דאָס יידישע פאָלק, ווייל עס האָט צוגערויבט ביי זיי זייער לאַנד. איז ניט מעגלעך געווען צו געפינען קיין איינציקע פּערזענלעכקייט אין ירושלים וואָס האָט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַרטיידיקונג פון יידישן פאָלק, וועגן דער מורא — טאָמער וועט ער ניט מצליח זיין וועט ער פאַראייביקט ווערן אין דער יידישער געשיכטע, „דער פאַרלירער פון יידישן לאַנד״.

איז געקומען צו די חכמים פון ירושלים אַ הויקערל, וואָס האָט געהייסן גביהא בן פסיסא און געווען אַ קליגער מענטש. ער האָט געזאָגט צו זיי — איך וועל גיין לאַדענען זיך מיט די פעלקער, אויב איך וועל געווינען דעם משפּט, וועט זיין גוט, טאָמער נינט, וועט איר דערקלערן — אַז איר האָט דעם לאַפּיטוט ניט געשיקט פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק. האָבן זיי אים געגעבן די דערלויבעניש אַהין צו גיין. זענען געקומען די אַראַבישע פעלקער צום משפּט און האָבן געטענהט, אַז דאָס לאַנד געהערט זיי בירושה ווייל זיי שטאַמען פון ישמעאל, דער עלטסטער זון פון אברהם העברי. האָט גביהא בן פסיסא, וואָס איז בייוועזנדיק געווען צווישן פראָסטן עולם, זיך אָנגערופן — אדני המלך, אַזוי ווי אין קיין אַנדערע אַלטע געשיכטע ביכער געפינט זיך ניט פאַרשריבן אַז זיי שטאַמען פון אברהם העברי, אויסער אין תורת משה, זיי אַזוי גוט און דערלויבט מיר צו באַווייזן פון תורת משה אַז אברהם העברי האָט געגעבן דאָס לאַנד צו זיין זון יצחק, ניט צו ישמעאל.

נאָכן דערהאַלטן די דערלויבעניש פון מלך, האָט גביהא בן פסיסא אים געפרעגט — צי אויך לויטן גריכישן געזעץ מעג אַ פאָטער איינטיילן זיין פאַרמעגן צו זיינע זין אַזוי ווי ער וויל? האָט אַלעקסאַנדער מוקדאָן געענטפערט — יאָ! ער מעג! האָט גביהא בן פסיסא ציטירט פון תורת משה די צוואה פון אברהם העברי — „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק, ולבני הפילגשים אשר לאברהם, נתן אברהם מתנות וישלחם מעל יצחק בנו בעודנה



חי קדמה אל ארץ קדם״: געגעבן האָט אברהם זיין גאַנצן באַזיץ צו יצחק און צו די זין פון זיינע קייבס־ווייבער האָט ער געגעבן מתנות, און נאָך בעת ער האָט געלעבט אַוועקגעשיקט זיי צום מזרח פון זיין זון יצחקס נחלה, זיך צו באַזעצן אין לאַנד קדם. (בראשית כ״ה): האָט דאָס געריכט אָנגענומען דעם באַווייז פון גביהא בן פסיסא, אַז דאָס לאַנד איז געוואָרן איבערגעלאָזט בירושה צו יצחק׳ן, ניט צו ישמעאל׳ן, און דעריבער געפּסקנט אַז ארץ ישראל געהערט צו די קינדער פון יצחק — צום יידישן פאָלק, ניט צו די קינדער ישמעאל — די אַראַבישע פעלקער, זיי האָבן באַקומען אַנדערע לענדער אין מזרח. (סנהדרין צ״א).

אַ קורצע צייט דערנאָך האָט אַלעקסאַנדער מוקדאָן אויפגעשטעלט זיין קוואַרטיר אין שכם, די הויפּטשטאָדט פון די שומרונינם. האָבן די שומרונים אים כסדר איינגעלאַדן אין זייערטעמפּל אויפן הר גריזים בעתן פראַוון זייערע ימים טובים, און אים געזאָגט, אַז די יידן וועלן אים קיינמאָל ניט לאָזן איבערטרעטן די שוועל פון זייער טעמפּל. האָט אַלעקסאַנדער מוקדאָן איינמאָל געשיקט אַ שליח צום כהן הגדול, צו אינפאָרמירן, אַז ער וויל קומען קיין ירושלים צו באַזוכן דעם בית המקדש. דער כהן הגדול, פאַרשטייט זיך, מסכים געווען און אַזוי ווי גביהא בן פסיסא איז שוין געווען אַ באַקאַנטער פון מלך האָבן די חכמים באַשלאָסן אַז ער זאָל אים אָפּוואַרטן ביים בית המקדש, כדי זען דער מלך זאָל אויסטוען זיינע שיך פאַר דער טיר פון דער עזרה און אים ניט לאָזן אַריינגיין אין קדשי הקדשים, ווו נאָר דער כהן גדול האָט געמעגט אַריינקומען אין יום כפור.

האָט גביהא בן פסיסא געלאָזט מאַכן אַ פּאָר פּאַנטאָפל מיט צוויי בריליאַנטן פון אַ זער גרויסן ווערט איינגעפּאַסט אין די שלעסער. ווען אַלעקסאַנדער מוקדאָן איז אָנגעקומען צום בית המדש, האָט גביהא בן פסיסא צו אים געזאָגט — אדני המלך — זיי אַזוי גוט נעם אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס און און שטעק אָן די פּאַנטאָפל, ווייל דער באָדן דרינען איז זער גלאַטיק וועסטו זיך אויסגליטשן. אַז ער איז געקומען צו דער פאָרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ די עזרה פון קדשי קדשים האָט גביהא בן פסיסא דעם מלך דערקלערט, אַז לויט דער יידישער טראַדיציע טאָר קיין מענטש ניט אַריינגיין אויסער דער כהן הגדול אין יום כפור. אַן אויפגערעגטער האָט אַלעקסאַנדער מוקדאָן צו אים געזאָגט — איך וועל דיר דערפאַר אָפּשינדן דעם הויקער ווען מיר וועלן פון דאָ אַרויסגיין. האָט גביהא בן פסיסא שמייכלדיק אים געענטפערט — אויב דו וועסט דאָס טוען וועסטו זיין דער גרעסטער דאָקטער אין דער וועלט און ווערט זיין אַ רייכן האָנאָראַר, איז דעם מלך, דער סאַרקאַסטישער ענטפער פון גביהא בן פסיסא, אַזוי שטאַרק געפעלן אַז ער איז ניט ווייטער געגאַנגען. (בראשית רבה פס׳ א׳־ו׳).

די אַלטעט יײדישע היסטאָריקער, וואָס באַשרייבן די פאָלקלאָריסטישע געשיכטעס וועגן אַלעקסאַנדער מוקדאָן, ווייזן אָן — אַז כדי אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט און לאָיאַליטעט צו דעם גוטן קעניג, וואָס האָט אויפ־

גענומען דעם כהן גדול מיט אַזאַ כבוד, באַשטעטיקט אַז ארץ ישראל געהערט צום יידישן פאָלק און האָט נינט מחלל געווען דעם קדשי הקדשים, האָבן די יידן אַלע קינדער וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין משך פון דעם יאָר אַ נאָמען געגעבן אַלעקסאַנדער און כדי זיך צו פאַרבינדן מיט דעם עקאָנאָמישן לעבן פון זייער נייעם באַשיצער, האָבן זיי פאַרענדערט זייער ניסנדיקן ניי יאָר און זייער צייט רעכענונג פון יציאת מצרים אויף דעם יווינישן תשרידיקן ניי יאָר און יווניש צייט רעכענונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַלעקסאַנדערס קריינינגס טאָג. (ויסיפון קעגן אפיאָן, ספר הקבלה להראב״ד ספר יוחס השלם מרבי אברהם זכות מאמר א׳ 12).

די יוונישע אימפעריע, וואָס אַלעקסאַנדער מוקדאָן האָט געשאַפן אין משך פון זיין צוועלף יעריקער ממשלה, איז נאָך זיין טויט צעפאַלן. יעדער פון זיינע גענעראַלן האָט פאַרכאַפּט אַ טייל פון איר: גענעראַל פּטאָלאַמיי איז געוואָרן מלך איבער מצרים, גענעראַל סאַלייקעס — איבער בבל, גענעראַל אַנטיגונוס — איבער די אַנדערע אַזיאַטישע לענדער, ליזימאַכוס — איבער טערקיי, און קסאַנדער — איבער מוקדאניע. וועגן באַזיץ פון די קליינע לענדער האָבן זיי כסדר געפירט מלחמות ביז פּטאָלאַמיי, דער מלך פון מצרים, איז געשטאָרבן. נאָכן טויט פון פּטאָלאַמיי האָט זיין זון פילאַדעלפוס געירשנט דעם טראָן, און אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט קלעאָפּאַטרע די טאָכטער פון אַנטיאָכוס, אַ זון פון סעלייקעס דער מלך פון בבל, האָבן די צוויי מלוכות געשלאָסן אַ שלום אָפּמאַך אַז די קליינע לענדער יהודה, שומרון, סיריע און פעניציע אָדער לעבאַנאָן זאָלן זיין אונטער ביידענס ממשלה.

קלעאָפּאַטרעס פאָטער אַנטיאָכוס, האָט, צו דאַנקן דעם כהן הגדול — שמעון הצדיק — פאַר זיין לאָיאַליטעט צו דער סעלייקישער מלוכה — בעת זי איז געווען פאַרוויקעלט אין מלחמות מיט דער פּטאָמאַליישער, זייער אַ סך בייגעשטייערט אויסצוהאַלטן דעם בית המקדש. די אַלטע היסטאָריקער האָבן דעם ווייטערדיקן דאָקומענט, פון סעלייקישן קעניג אַנטיאָכוס צום קאָמענדאַנט אין ירושלים, ציטירט: „וועגן זייער לאָיאַליטעט צו אונז און זייער גאָטספאָרכטיקייט האָבן מיר מאַשלאָסן צו געבן פאַר זייער בית המדש יערלעך בהמות, וויין און אייל צום ווערט פון צוואַנציק טויזנט זילבערשטיק. אויסער דעם — זעקס מאָס פיין מעל, טויזנט פיר הונדערט מאָס ווייץ און דריי הונדערט פיר און זיבעציק מאָס זאַלץ. כדי צו העלפן זיי רעפאַרירן דעם בית המדש זאָל מען אויך געבן בחנם האָלץ פון די וועלדער אין יהודה און לבנון. און מען זאָל דאָס יידישע פאָלק ניט שטערן צו פירן זיך לויט זייער תורה און טראַדיציע . . . (יוסיפון־פלאַוויוס „דער אַלטערטום פון די יידן״ בוך 12, קאַפּ. 3, פאַר. 3).

אין משך פון די הונדערט און עטלעכע צוואַנציק יאָר צווישן דער צעטיילונג פון יוונישער אימפעריע און דעם מלכות יון הרשעה פון סעלייקישן קעניג — אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס — האָבן אומעטום די יידן און די גריכן גע־



לעבט צוזאַמען אין שלום או שלוה; תורת משה איז איבערזעצט געוואָרן אין גריכיש און די יידן האָבן שטודירט חכמה יוונית. אין די תלמודים און מדרשים געפינט זיך פאַרצייכנט אַ סך פריינדלעכע דיאַלאָגן, וואָס די חכמים פון ביידע פעלקער האָבן געפירט צווישן זיך, ווי אויך אַ געוויסע צאָל גריכישע ווערטער זענען פון יענער צייט געבליבן אין העברעישן לשון, און ווי מען וועט ווייטער זען אפילו ספּעציפיש גריכישע אידעאָלאָגיעס.

איינע פון די אידעאָלאָגיעס איז דער גלויבן אויף שכר און עונש: פאַרגעלטיקונג פאַר מצוות און באַשטראָפונג פאַר עבירות אויף יענע וועלט, דאָס הייסט: נאָכן שטאַרבן. אין תנ״ך געפינט זיך ניט קיין רמז דערויף און אפילו אין די תלמודים און מדרשים איז, אויסער אין עטלעכע חסידישע אגדות, (ירושלמי סנהדרין פ״ו ה״ה) קלאָר צו זען אַז מיט דעם טערמין „עולם הבא״ באַצייכענען זיי די באחרית הימים אָדער משיח צייט, ניט אַ גן עדן אָדער אַ גיהנם פאַר איטלעכן מענטש נאָכן טויט. ר׳ יעקב קומט צום אויספיר אַז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״״: אויף די וועלט איז ניט פאַראַן קיין באַלוינונג פאַר מצוות, נאָר מען וועט ווערן באַלוינט נאָך תחיית המתים — באחרית הימים. (חולין קמ״ב): און וועגן דער צעטיילונג פון ארץ ישראל זאָגט די גמרא — „ולא כחלוקה של עולם הזה חלוקה של עולם הבא״: ניט אַזוי ווי מען האָט צעטיילט ארץ ישראל אויף די וועלט, דאָס הייסט: ווען די בני ישראל זענען געקומען אין לאַנד אַריין נאָכן קומען פון מצרים, וועט מען ארץ ישראל צעטיילן אויף יענע וועלט, דאָס הייסט: ווען די בני ישראל זענען געקומען אין לאַנד אַריין נאָכן קומען פון מצרים, וועט מען ארץ ישראל צעטיילן אויף יענע וועלט, דאָס הייסט: באחרית הימים אָדער משיח צייט. (בבא בתרא קכ״ב).

די אידיי פון אַ גן עדן אָדער גיהנם פאַר איטלעכן מענטש נאָכן טויט שטאַמט פון אַלטן מצרים. כדי די טויזנטער צוואַנגס־אַרבעטער, וואָס זענען זייער גאַנצן לעבן געווען פאַרקנעכטעט אין באַאַרבעטן די מצרישע פעלדער און אויפבויען די מצרישע שטעדט, זאָלן ניט רעוואָלטירן און צעשמעטערן די שקלאַפן קייטן אויף די קעפּ פון די טרייבער, האָבן די מצרישע פּריסטער אונטערדריקט דעם אויפשטאַנדט גייסט מיט אַן עולם הבא כלאָראַפאָרם: מיטגעבענדיק אין זייערע קברים הונדערטער פון ליים אויסגעהאַקטע פיגורלעך און איינרעדענדיק זיי, אַז די פיגורלעך וועלן זיין זייערע קנעכט און דינסטן אין גערטנער און פאַלאַצן אויף יענע וועלט, וואָס וועט זיין זייער באַלוינונג פאַר דער אונטערטעניקייט און געהאָרכזאַמקייט צו זייער מייסטער אויף די וועלט.

דערויף טאַקי האָט תורת משה באַפוילן די בני ישראל — „וגר לא תונה ולא תלחצנו כי גרים הייתם בארץ מצרים״: דעם פרעמדן איינוווינער אין אייער לאַנד זאָלט איר ניט אָפּגענאַרן און ניט עקספּלויטירן ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מצרים, ווו מען האָט אייך אָפּגענאַרט און עקספּלואַטירט. (שמות כ״ב). די גריכן, אָבער, האָבן איבערגענומען דעם

פאַרשקלאַפונג סיסטעם פון די מצריים און דערמיט אויך די אידיי פון עולם הבא נאָכן טויט, כדי צו קאָנען איינרעדן די איינגעשפּאַנטע אין יאָך, אַזוי ווי די מצריים האָבן זיי איינגערעדט, אַז אויף יענע וועלט וועלן זיי באַקומען אַ ספּעציעלען פּרייז פאַר ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד קעגן זייער עקספּלואַטאַרן:

די גריכישע פילאָזאָפן וואָס זענען בלויז געווען סאָפיסטיקער, ניט קיין סאָציאַלע רעפאָרמער ווי משה רבינו, האָבן פון דער עולם הבא אידיי, אָפּצוגעבאָרן די שקלאַפן, געמאַכט אַזאַ סאָרט וויסנשאַפטלעכן אַקסיאָם. דער גריכישער פילאָזאָף פּלאַטאָ דערקלערט — „אַזוי ווי די בעסטע לויפער אין אַ וועטשטרייט באַקומען אַ פּרייז און אַ קרוין, אַזוי איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די צדיקים וועלן באַקומען אויף יענע וועלט נאָכן טויט, נאָכן אָבלויפן פון זייער וועטשטרייט אויף די וועלט, אַ פּרייז אָדער אויסצייכענונג פאַר זייערע גוטע מעשים, און די רשעים וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע שלעכטע מעשים. אין עטלעכע זייטלעך באַשרייבט ער ווייטער, וואָס פאַר אַ פּרייז אָדער אויסצייכענונג די צדיקים באַקומען אין גן עדן און וואָס פאַר אַ שטראָף די רשעים ליידן אין גיהנם, פון ווו דאַנטע האָט לערך פופצענהונדערט יאָר שפּעטער גענומען דעם באַזיס פאַר זיין געטלעכער קאָמעדיע. („רעפּובליק" ז. 318).

אַז דאָס יידישע פאָלק האָט אין דער דעמאָלטיקער יונישער עפּאָכע איבערגענומען די אידיי פון גריכישן פילאָזאָף פּלאַטאָ וועגן אַ פּרייז פאַר די צדיקים און אַ שטראָף פאַר די רשעים נאָכן טויט אויף יענער וועלט, ווייזט זיך קלאָר אַרויס פון דער וואָרענונג וואָס אַנטיגנוס איש סוכו, דער ערשטער פּאַטריאַרך פון די חכמי התלמוד, האָט געגעבן צו די תלמידים זיינע. זיין נאָמען ווי מען זעט איז געווען אַ גריכישער, ער האָט געהייסן ווי דער גענעראַל פון אַלעקסאַנדער מוקדאָן — אַנטיגונוס — וואָס איז געוואָרן מלך איבער די אַזיאַטישע לענדער, און ער האָט אָן אַ ספק גערעדט גריכיש און געליינט די גריכישע פילאָזאָפיעס אין אָריגינאַל.

ער האָט געוואָרענט זיינע תלמידים — „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס, אלא היו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס, ויהי מורא שמים עליכם": איר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר מיטן באַדינג פון געווינען אַן אויסצייכענונג אָדער אַ פּרייז, נאָר איר זאָלט זיין ווי קנעכט וואָס באַדינען דעם האַר ניט מיטן באַדינג צו געווינען אַן אויסצייכענונג אָדער אַ פּרייז. איר זאָלט אים באַדינען וועגן דער מורא פון הימל אויף אייך. (פרקי אבות פרק ראשון—ג').

דער קורצער און איינציקער מאמר פון אַנטיגונוס איש סוכו אין די תלמודים און מדרשים איז אַן אמתע היסטאָרישע אילוסטראַציע און אידענטיפיקאַציע פון דער גריכיש־קולטורעלער אַריינדרינגעניש אין מוח פון יידישן פאָלק. ניט אַליין האָבן די דעמאָלטיקע רעליגיעזע יידן זיך אָנגערופן מיט גריכישע נעמען, ווי מען זעט דאָס אין דעם נאָמען פון ערשטן תלמודישן



פּאַטריאַרך — אַנטיגונוס, זיי האָבן געליינט די סאָפיסטישע אָפּהאַנדלונגען פון די גריכישע פילאָזאָפן אין אָריגינאַל, ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון דעם ספּעציפישן גריכישן טערמין „פּרס", (י. לעווים ווערטערביכער אויף די תלמודים און מדרשים) וואָס אַנטיגנוס איש סוכו האָט באַנוצט אויסצודריקן די פּלאַטאָנישע אידיי פון געווינען אַ פּרייז אָדער אַן אויסצייכענונג, און ספּעציעל פון אַריינבעמען אין יידישן וועלט באַנעם די פּלאַטאָנישע אידיי וועגן אַ פּרייז אָדער אויסצייכענונג אויף יענע וועלט.

דעריבער איז שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט געהאַלטן פאַר אַ נויטווענדיקייט אַרויפצוצווינגען דעם העלעניסטישן וועלט באַנעם אויפן יידישן פאָלק, ווייסנדיק אַז ער וועט צעשטערן די דורות לאַנגע לאָיאַליטעט פון די יידן אין ארץ ישראל צו די יונישע מלכים און די אידיליע צווישן דער יידישער און גריכישער קולטור? אָבער די היסטאָריקער האָבן אַ באַשייד דערויף, לויט זיי זאָל האָבן די סיבה געווען דער אויפקום פון רוים. די רוימישע לעגיאָנען האָבן־ דעמאָלט אָנגעהויבן פאַרכאַפּן די לענדער וואָס זענען געווען אַ טייל פון דער אַמאָליקער מוקדאָנישער אימפּעריע.

אַזוי ווי אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס איז מיליטעריש געווען שוואַך צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד קעגן די רוימער, האָט ער געטראַכט צונויף צו האַלטן די אַלטע מוקדאָנישע אימפּעריע מיט דער גריכישער קולטור, מיט אַרויפצווינגען אויף אַלע גריכישע אונטערטאָנען אַ „תורה אחת וחקה אחת": אַ מאָנאָליטישע אידעאָלאָגיע און קולט האָט ער זיי געוואָלט מאַכן אימון — אָדער ווידערווילליק קעגן רוימישן איינפלוס. די היסטאָריקער פירן אויס אַז אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט טאַקע געהאַט אין אַ קורצער צייט אַ גרויסן סוקסעס — „יעדער ערלעכער מענטש אין אַזיע און אייראָפּע איז געוואָרן אַ שונא פון רוים. (מאָמסאַן, געשיכטע פון רוים, ב. 4, ק. 9).

אין אמתן, אָבער, האָט אַנטיאָכוס סוקסעס מיט זיין באַצווינגונג ניט אָפּגעשטעלט די עקספּאַנסיע פון רוים. עס איז געווען אַ רינגעלע אין דער קייט פון געשיכטלעכע איבערחזרונג, — ווען אימפּעריעס צעוואַקסן זיך און פאַרלירן זייער מיליטערישן כח קומען יונגערע און פאַרנעמען זייער פּלאַץ. אַמאָל איז דער אומבייטונגס פּראָצעס אַ גיכער — אין משך פון עטלעכע צענדליקע יאָרן און אַמאָל אַ פּאַמעלעכער — אין משך פון הונדערט יאָר, קיין אונטערשיד צי זיי זענען געווען קולטור־באַצווינגער אָדער ניט, דער איינציקער חילוק צווישן זיי איז, וואָס די קולטור באַצווינגענדע אימפּעריעס ווערן פון אינעווייניק צערזעצט דורך אָפּאָזיציע און רעוואָלוציע.

דאָס האָבן די גריכישע פילאָזאָפן, פּלאַטאָ אין זיין בוך „די רעפּובליק" און אַריסטאָטעלס אין זיין בוך „פּאָליטיקס", ניט גענומען אין באַטראַכט ווען זיי האָבן פאָרמולירט די סאָפיסטישע טעאָריע, אַז דער וועג צו אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון שלום און שלוה איז — צו צווינגען אַלע מענטשקינדער אָנצונעמען אַ מאָנאָליסטישע אידעאָלאָגיע און עגאַלן לעבנס־סטאַנדאַרט. אין אַלטן יידישן פאָלקלאָר געפינט מען אויך פאַרצייכנט, אַז

אַלעקסאַנדער מוקדאָן איז געווען אַ תלמיד פון אַריסטאָטלעס, און מחמת דעם וואָס אַלעקסאַנדער מוקדאָן האָט ניט געוואָלט אַרויפצווינגען די העלעניסטישע קולטור אויף די אונטערטעניקע פעלקער, זאָל אַריסטאָטלעס האָבן אַריינגעטועגן סם אין אַלעקסאַנדערמוקדאָנס בעכער ווייל איז ער דערפון געשטאָרבן יונגערהייט.

עס איז דעריבער קיין ספק ניטא אַז אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָט די אידיי פון באַצווינגונג איבערגענומען פון די גריכישע פילאָזאָפן, דאָס וואָס דער גרויסער אַלעקסאַנדער מוקדאָן האָט וועגן זיין טאָלעראַנץ זיך אָפּגעזאָגט אַדורכצופירן האָט דער מלכותיון הרשעה געוואָלט אַדורכפירן. די געשיכטע זאָגט עדות אַז זינט אַנטיאָכוס עפּיפאַנוס האָבן אויך אַנדערע פּרובירט אַרויף צוצווינגען זייער וועלט באַנעם אויף שוואַכערע פעלקער, אַזוי ווי און ווען אפילו עס איז זיי געלונגען — די שוואַכע פעלקער האָבן ניט רעוואָלטירט — זענען זיי נאָר געווען בכח צוריק צו האַלטן פאַר אַ קורצער צייט די אייגענע אינערליכע צעשפּליטערונג אין סעקטן און פראַקציעס. ווי מען זעט עס ביז היינט ביים קריסטנטום און איצט ביים קאָמוניזם, פירן זייערע מאָנאָליטישע אידעאָלאָגיעס צו בלוטיקע מלחמות, ניט צו שלום, ווי די גריכישע פילאָזאָפן האָבן פאָראויסגעזען.

פאַקטיש איז די באַצוויגונגס טעאָריע פון די גריכישע פילאָזאָפן אַן אומנאַטירלעכע, אַלע בעל חי טאָלערירן זייער פאַרשידנקייט. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט וואָס פונקט אַזוי ווי די פרימיטיווע מאָנאָליסטישע אידעאָלאָגיע פון „שפה אחת ודברים אחדים" האָט געבראַכט אַ „דור הפלגה", אַזוי האָט אויך די סאָפיסטישע באַצוויגונגס טעאָריע פון די גריכישער פילאָזאָפן און זייערע נאָכפאָלגער געפירט צו בלוטיקע מלחמות וועגן אינערליכע צעריסנקייט און רעוואָלוציעס מיט דעם אויסרייד צו שאַפן אַן אידעאַלן קאָסמאָפּאָליטישן סיסטעם איז — ווי מען זעט אַ בחנמדיקער — ווערט קיינמאָל אויסגעפירט.

דער איינציקער וועג צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון שלום און שלוה איז דעריבער — טאָלעראַנץ: לאָזן יעדע גרופּע מענטשן אָדער יעדעס פאָלק אין זייער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער טראַדיציע, ווי אונזער נביא מיכה האָט באַטאָנט — „לא ישאו גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה, וישבו איש תחת גפנו ותחת תאנתו ואין מחריד . . . כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו . . . : אַז נאָר דעמאָלט וועט זיין שלום אויף דער וועלט, ווען מען וועט ניט קאָנפיסקירן אַ מענטשס פאַרמעגן אין נאָמען פון עגאַליטעט און מען וועט טאָלערירן אַן אַנדערנס דענקן און גלויבן (מיכה ד׳).
ווען די מנהיגים פון דער וועלט וועלן זיך אויסניכטערן פון דעם אַבסורדן און פאַלשן אידעאַל צו מאַכן פון די מענטשנקינדער ראָבאָטס און אנשטאָט דעם וועלן זיי אַכטונג געבן אַז דער שטאַרקער זאָל ניט אַרויפצווינגען אויפן שוואַכן זיין אידעאָלאָגיע און לעבנסשטאַנדאַרט וועט זיין שלום צווישן די מענטשנקינדער. דאָס איז דער סימבאָל פון די חנוכה ליכטלעך, זיי ברענען



צום אנדענקן פון דעם חשמונאים קאַמף קעגן אומטאָלעראַנץ און זייערע פלעמלעך דערציילן אַז נאָר מיט ווידערשטאַנד קעגן די באַצווינגער איז מעגלעך אויפצוהאַלטן טאָלעראַנץ און שלום.

יוסף לעפטוויטש

## אלץ וואס איך בין

וואָס איך בין געווען, זענט איר.
וואָס איר קענט זיין, וועל איך ווערן.
ווי זעט אויס אייער העל־עלעקטריש ליכט
קעגן יענעם ווייסן שטערן?

דער מזרח פלאַמט נאָך איצט,
וואו ס׳האָט אונזער בית־מקדש געברענט,
און אייערע גרויסע ליכטער
זענען פונקען פון אונזערע פאַרברענטע ווענט.

האָט איר מיך פאַרגוואַלדיקט,
איז מיין בלוט אַריין אין אייך.
אַנשטאָט מיך צו באַזיגן,
זענען אייערע קינדער מיינע אויך.

ש״י עגנון

## פארוואס מען האט נישט גלייך אריינגעלאזט אין גן-עדן אריין הגאון מורינו רבי ישראל איסערליין תיכף נאך זיין פטירה

ווען מורינו הגאון רבי ישראל, דער בעל תרומת הדשן, איז נסתלק געוואָרן, האָבן אַראָפּגענידערט זעכציק מאָל צען טויזנט מלאכי־השרת און אַראָפּגעצויגן פון אים די בגדים אין קבר און אים אָנגעקליידט מיט בגדים פון וואָלקנס פון הערלעכקייט און געזעצט צווייי קרוינען אויף זיין קאָפּ און אַכט הדסים אין דער האַנט, זאָגנדיק צו אים: „קום, עס דיין ברויט מיט פרייד, קום, עס מיט פרייד דאָס ברויט פון דער תורה, וואָס דו האָסט עוסק געווען אין איר אַלע דיינע טעג און טרינק מיט אַ גוט האַרץ דיין וויין, און טרינק דעם וויין, וואָס איז אויפבאַוואַרט אין זיינע ווייַנטרויבן נאָך פון די ששת ימי בראשית אָן, ווארום דו האָסט עוסק געווען אין דער תורה, וועלכע איז געגליכן צו וויין!" תיכף ומיד האָבן זיך אויפגעעפנט די צווייי גאָרפינקלדיקע טויערן פון גן־עדן און געזאָגט: „זאָל קומען מיין געליבטער אין זיין גאָרטן אַריין און עסן זיין טייערע פרוכטן!"

האָבן די צדיקים אין גן־עדן דאָס געהערט און געפרעגט, „וואָס איז עס פאַר אַ קול ביי דער טיר? עס מוז זיין דאָס קול פון מלאכי־השרת, וואָס ברענגען צו פירן אַהער אונזער ברודער רבי ישראל, וועלכער האָט צוריקגעברענגט די תורה צום גלות אשכנז און מציל געווען יידן מיט זיין חכמה“.

האָבן אַלע זיך אויפגעשטעלט פון זייערע שטולן און געזאָגט, „ישראל אשר בך אתפאר (ישראל, וואָס דורך דיר טו איך מיך פאַרהערלעכן). און איין כתה נאָך דער אַנדערער איז אַרויסגעגאַנגען מקבל־פנים זיין דעם צדיק און אים אַוועקצוזעצן אויף אַ שטול פון הערלעכקייט און צו הערן די דרשה, וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט נאָך ביים לעבן צו האַלטן פאַר די צדיקים אין גן־עדן

קומט צוגיין אַ דאַרער מלאך, מיט פליגל אָן פעדערן, און שטעלט זיך אַוועק אין דער טיר און שפרייט אויס זיינע פליגל אַהין און אַהער, שטערנדיק די מלאכים אַריינצוברענגען דעם גאון׳ס נשמה אין גן־עדן אַריין.

האָט מען אים געוואָלט אַוועקשטופן. רופן זיך אָפּ די מלאכי־השרת, אַז עס איז אַן אומכבוד אַוועקצושטופן אַ מלאך.

האָט מען צו אים געזאָגט, „וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן צו שטערן דעם דאָזיקן צדיק אַריינצוגיין אין גן־עדן אַריין?“ האָט ער זיי געענטפערט, „דערפאַר וואָס דורך אים בין איך פאַרטריבן געוואָרן פון מיין מחיצה און קיינמאָל נישט דערגרייכט צו דעם, וואָס כ׳האָב געהאָפט צו דערגרייכן דורך אים, מחמת יעדן איינעם, דורך וועמען מען קען עולה זיין און מען איז נישט עולה דורך אים, לאָזט מען אים אַליין נישט עולה זיין. אַ כל־שכן איך, לאַ־די וואָס כ׳בין דורך אים נישט עולה געווען, נאָר איך בין נאָך דורך אים פאַרמינערט געוואָרן און פאַרטריבן פון מיין מחיצה.

וויאַזוי? מיין גייסט איז געווען פאַרבאָרגן אונטערן כסא־הכבוד און געהערט סודות פון אויבן און סודות פון אונטן און פאַרבאָרגענע זאַכן פון דער תורה און אַ ליכט איז געווען ביי מיר אין האַרץ, ווי אַ ליכט וואָס שוועבט איבער דער וועלט און זינקט נישט אַראָפּ, און כ׳בין נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין מלאך, נאָר אַ ניצוץ פון כסא הכבוד וואָס שוועבט איבערן כסא־הכבוד ווי אָט דער גלאַנץ, וואָס שוועבט איבערן וואַסער און איז נישט אַנטהאַלטן דערין. פלעג איך פרעגן ווען ס׳וועט קומען מיין פראַכט און איך וועל ווערן אַ מלאך. האָט מען מיר געענטפערט פון דער הייך, אַז ווען איך וועל מיך באַהעפטן מיט דער נשמה פון אַ צדיק. אָבער יענץ דור איז געווען אַ דור־יתום און קיין איין גרויסע נשמה האָט נישט געהאַט אַראָפּגענידערט. איינמאָל האָב איך געזען מיינע חברים זיך אויפשטעלן פון זייער אָרט און זיך הייליקן און לייטערן לויטער ריין. האָב איך זיי געפרעגט, וואָס האָט איר אייך עפּעס פלוצלינג אַזוי אויפגעשטעלט פון אייער אָרט מיט רעש? האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז אַן אשה, וואָס גייט שטאַרבן אויף קידוש־השם דורך אַ גזרה פון עסטרייך, האָט געבוירן אַ זון, וועלכער וועט צוריקברענגען די תורה מיט זיין פּאַסקענען און התנהגות און אַז עס האָט אַראָפּגענידערט אויף דער וועלט אַ גרויסע נשמה, אין וועלכער זיי גייען





# יוסף פרענקל — דער מתמיד פון געשיכטלעכן ציוניזם

(צו זיין 65־סטן געבורטסטאָג)

מיט דער פאָרש־געשיכטע פון פּאָליטישן ציוניזם האָבן זיך פאַרנומען אַגרעסערע צאָל היסטאָריקער און יעדער פון זיי האָט— אויף זיין שטייגער — אַרויסגעברענגט אומבאַקאַנטע פאַקטן, וואָס זענען געווען אַן אַנטפּלעקונג.

יוסף פרענקל, — דער יונגסטער פאָרשער פון פּאָליטישן ציונינזם, האָט זינט זיין פריעסטער יוגנט — נאָך אַלס סטודענט אויף דער ווינער אוניווערזיטעט, זיך מתחתן געווען מיט דער ציוניסטישער פאָרש־געשיכטע, מיט וועלכער ער פאַרנעמט זיך עד־היום, און ער האַלט אין איין זוכן און פאָרשן אין די אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון אונזער נאַציאָנאַלער באַנייונג אין מדינת ישראל. דאָס איז, אין תוך גענומען, די גרעסטע סאָטיספאַקציע פאַר די טרוימישע פאָרשער פון דער געשיכטע, מיט וועלכער זיי זענען פאַרבונדן דאָס גאַנצע לעבן, ממש, צו זען פאַר זייערע אויגן די פאַרווירקלעכונג פון זייערע פאָרש־אַרבעטן, און אונדזער יובילאַר איז איינער פון זיי.

ווען יוסף פרענקל האָט אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט דער ברייט־פאַרצווייגטער געשיכטע פון פּאָליטישן ציוניזם — אָנהויבנדיק פון לעאָ פינסקער ביז ד״ר טעאָדאָר הערצל, איז ציוניזם געווען אַ גרויסער שיינער חלום, וואָס האָט זינט הונדערטער מיט יאָרן געטליעט אין אונדזערע הערצער. אפילו אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט, ביז דער באַלפור־דעקלעראַציע, און די גרינדונג פון מדינת ישראל, איז ציונינזם כסדר געווען אַן ענין פון ראָמאַנטיקער. אָבער דער פאָרשער רעכנט זיך ניט מיט אַזעלכע צושטאַנדן, נייערט ער גרובלט ווייטער אין די פאַרגעלטע פנקסים פון דער געשיכטע און געפינט אויס אומבאַקאַנטע פאַקטן פון דער פאַרגעסנהייט. ער הויכט איין אין זיי אַ רוח חיים און לעבט אויף די פאַקטן, ווי אַ ווירקלעכקייט.

אין משך פון זיין געשיכטלעכער טעטיקייט אויפן ציוניסטישן פאָרשגעביט, האָט יוסף פרענקל זיך באַקאָנט מיט אַ גרויסער צאָל דאָקומענטן, בשייכות דער געשיכטע פון פּאָליטישן ציונינזם, וואָס זענען געלעגן פאַרגליווערט אין די אַרכיוון. איז בכלל ניט קיין חידוש, וואָס דער בעל היובל ווערט באַטיטולט — מיט באַרעכטיקונג — ווי די „לעבעדיקע ציוניסטישע ענדיקלאָפּעדיע!“ יוסף פרענקל האָט אין משך פון זיין יאָרן־לאַנגער פאָרשאַרבעט, זיך פאַרפלייסט מיט דער ציוניסטישער געשיכטע און איר ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט. ער האָט אַ גלענצענדיקן זכרון און געדענקט כמעט יעדן פרט פון דער ציוניסטישער תקופה, און די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט.

אַחוץ דער ציוניסטישער פאָרש־אַרבעט, איז פרענקל אויך אַ פּרוקט־

באַרער־מעמואַריסט, ביאָגראַף און עסייאיסט — אויף אַלגעמיינע טעמעס. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל ביכער און בראָשורן — אויף דייטש און ענגליש, וועמענס זאַכלעכע אינהאַלטן האָבן אים געגעבן די געהעריקע סמיכה. כדאי צו דערמאָנען זיין סטאַנדאַרט־בוך „טעאָדאָר הערצל — דער שעפער פון ערשטן ווילן“ (אין וויען, 1934); „טעאָדאָר הערצל“, „די געשיכטע פון שקל“, (אין ענגליש, 1952); „לוציאַן וואָלף און טעאָדאָר הערצל (1960); „מתיתיהו אחר“ (1959); „די געשיכטע פון יידן אין עסטרייך“ (1967), און אַנדערע ביכער, דאָס זענען שאַפונגען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אַן אומגעהויערער התמדה און גריבלענישן אין די אַרכיוון פון עבר.

אין יאָר פון 1963, האָט יוסף פרענקל פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט „דובנאָוו, הערצל און אחד העם“, אין וועלכע עס ווערן אַנטפלעקט אַ שלל מיט נייע, אומבאַקאַנטע פאַקטן וועגן די פאָליטישע דיפערענצן פון די דריי גייסטיקע ריעזן פון אונדזער פאָלק.

---

אין די באַשרענקטע ראַמען פון אַן אַרטיקל איז, טעכניש, ניט מעגלעך אויסצורעכנען די גרויסע צאָל בראָשורן, וואָס פרענקל האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון זיין טעטיקייט. אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אויך אַנטפלעקט, ווי דער „יידישער פרעסע אַטאַשע“ — וואָס פירט אָן מיט דער יידיש־לשונדיקער קולטור־טעטיקייט אין דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס ביוראָ אין לאָנדאָן. מיר מיינען די זייער וויכטיקע, זאָרגפעלטיק צוזאַמענגעשטעלטע בראָשורן „די יידישע פרעסע אויף דער גאָרער וועלט“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן יערליך — זינט די לעצטע 16 יאָרן. דאָס איז אַ זייער קאָמפליצירטע אַרבעט, וואָס גיט אונדז אַ גענויען איבערבליק וועגן די צאָל יידישע צייטונגען, וואָכנבלעטער, חודש־זשורנאַלן און פרעסע־אַגענטורן, וואָס דערשיינען אויף דער גאָרער יידישער וועלט, אין אַלע לשונות פון אונדזער צעשפרייטקייט אין די תפוצות — און — אין ישראל. עס איז לייכטער אָנצושרייבן אַ בוך, [י צוזאַמענשטעלן דאָס מאַטעריאַל פאַר אַזאַ אומדאַנקבאַרער אַרבעט, מיט די נעמען, אַדרעסן און טיראַזש פון די דאָזיקע צייטונגען.
ווי צוזאַמענשטעלן דאָס מאַטעריאַל פאַר אַזאַ אומדאַנבאַרער אַרבעט, מיט די ווי יוסף פרענקל, וועלכער איז ממש מקריב האַלבע נעכט פאַר אַזעלכע „פריוואַטע האָביס“.

איז בכן ניט קיין חידוש, אַז יעדע פרייע שעה פאַרברענגט ער אין דער לאָנדאָנער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק, ווו ער זוכט און גריבלט אין די פנקסים. זיין דורשט — נאָך וויטערדיקע פאָרשונגען — איז קיינמאָל נינט געזעטיקט! טאַקע אַ דאַנק זיין גריבלען זיך אין די ציוניסטישע אַרכיון (אויף דער אַמאָליקער 77 גרעיט ראַסל סטריט) האָט ער געפונען די דיסטאַרישע, ממש פאַרגעסענע קאָרעספאָנדענץ, וואָס פראָפ. חיים ווייצמאַן, ז״ל, האָט געפירט מיט דעם עמיר פייסאל וועגן ארץ ישראל. די אַנטפלעקונג האָט, בשעתו, אַרויסגערופן אַ חידוש אין די ציוניסטישע קרייזן.



יוסף פרענקל געהערט, ווי פריער געזאָגט, צו דעם יונגערן דור ציוניסטישע פאָרשער וועלכער האָט מקריב געווען זיין יאָרן־לאַנגע פאָרשטעטיקייטן — לשמה! ער — און מיר אַלע — האָבן געהאָט די גרויסע זכיה צו זיין די עדות פון דער פאַרווירקלעכטן ציוניסטישן אידעאַל, וואָס איז געווען אַרומגעהילט אין חלומות. דאָס איז די גרויסע סאַטיספאַקציע, ווייל דער בעל־היובל איז ניט געווען בלויז דער „טרוקענער פאָרשער“ פון דער ציוניסטישער געשיכטע, נייערט ער האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די פאַרשידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

זינט פרענקל איז, זינט דער יאָר 1939, געוואָרן אַ תושב אין לאָנדאָן, האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט זיין אַרבעטס־פעלד. צו זיינע 65 יאָר, כן ירבו, איז ער וייטער טעטיק, און אַרבעט אומדערמידלעך, אויף די פאַרשידענסטע געביטן פון ציוניסטישן און יידישן קולטורעלן לעבן אין ענגלאַנד. ער איז אויך דער אַזוי־גערופענער „אַמבאַסאַדאָר“ פון דעם יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין אין לאָנדאָן.

ווילט זיך אים אָנווינטשן — אַז ער זאָל ממשיך זיין מיט זיינע ברייט פאַרצווייגטע, אַלזייטיקטע טעטיקייטן, עד מאה ועשרים!

שמואל ווהייט

## איך בענטש די שעה

איך בענטש די שעה פון אונזער באַגעגענען
און באַדויער די שעה פון אונזער שיידן;
די ערשטע האָט מיר געברענגט הימל־פריידן
און די צווייטע — אַלע גיהנום־ליידן.

דאָך וועל איך אייביג בענטשן דאָס טרעפן דיך,
כאָטש ס׳האָט אַזויפיל ליידן געלערנט מיך —
ברייט פאַר מיר צעעפנט דאָס לעבנס־בוך,
וואו אויף בלעטער פאַרצייכנט ביסטו און איך . . .

דוד אפאלאוו

## עס קומט א טאג

עס קומט אַ טאָג און צינד דיך אָן מיט גלויבן.
עס קומט אַ טאָג און נעמט אַוועק די זאָרג.
דו קענסט זיך ניט פון אים אפּלויבן:
אַ ליבער, מילדער, זונטיק־העלער טאָג.

דו מאָלסט זיין ליכטיקייט ווי מיט אַ פּינזל,
דו צייכנסט שורות אָן וואָס קומען פון ניט־הי,
דיך ציט פון גליק דער גינגאָלדענער אינזל,
דפּ ביסט אין זייד פון קלאַנגען איינגעהילט.

(סוף פון „קאָנוואַלעסצענץ" פון זייטל 30)

## זון, לבנה און שטערן

וואו איז זון בייטאָג און לבנה און שטערן ביינאַכט,
זיי ווערן געוואַשן, געצוואגן און ריין געמאַכט —
פונם זייפן ווי די כוואַליעס שוימען און פיאנען!
אָבער דער זאַמד זיי צו שייערן פון וואַנען?

פונם אַרום דאָ גאַנצע טעג, פון רחבותדיקן ברעג,
צום שייערן זיי שלעפן דעם זאַמד גאַנצענע זעק!
קריסטאל קלאָר געטובלט זיי וועלן ווידערקערן,
צו לייכטן און צו שיינען זון, לבנה און שטערן.

## זון-פארגיי און אויפגיי

כ׳שפאַן מיך פון מיר אויס — אַ פערד פון די האלאבלעס,
וואָס מען לאָזט עס אויף דער גרינער לאנקע אָפּ;
פרייד־צעהירזשעט אויף אונטערגייענדיקער זון,
לאָזט עס זיך אין ווילד־משוגענעם גאַלאָפּ!
ס׳לויפט מיט אַזאַ אימפעטדיקן, געשפאַנטן יאָג,
ביז אין בלוט ס׳גייט אָפּ מיט געשפאַלטענעם קאָפּ.

בלייבט עס ליגן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער לאנקע,
ביז ס׳שלאָפט איין צעוואיעט אין ווילדן געוויין;
ווען די זון גייט אויף, כאַפּט עס זיך דערשראָקן אויף:
„ווידער זיך צו ווארפן, אין בלוט אָפּצוגיין?"
און ס׳צעהירזשעט זיך מיט אַזאַ געשפאַנטער פרייד
ווען מ׳שפאַנט עס אין די האלאבעס צורוק איין.

אהרן ווערגעליס*

## עמפייער סֶטעיט בילדינג

איך בייג זיך אַראָפּ פון הימלקראצער
איבער דער הויכער פאָרענטש . . .
ניו־יאָרק, ביסט די פרוכט פון קאָאפעראַציע
צווישן נאַטור און מענטש.

כדי איך זאָל זען דיינע אַלע שויבן
און הערן דיין גאַנצן רעש —
דו האָסט מיך מיט גבורה אויפגעהויבן
אף הונדערט צוויי עטאַזש.

---

* אהרן ווערגעליס איז געוואָרן הייאָר אַ בן־חמישים.

(המשך אויף ז. 32)



זיך אָנהאַלטן, מחמת דורך די מצווה און מעשים טובים פון דאָזיקן צדיק וועלן זיי ווערן גוטע מלאכים. איך זאָל מיטגיין מיט זיי.

„בין איך אויך אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט און מיך געלייטערט ווי אַ מלאך און ווי אַ ברענענדיקער מלאך און מיך נאָך מער געהייליקט, פרייענדיק מיך זער אַז מיין פראַכט איז געקומען און כ׳וועל ווערן אַ מלאך. אָבער ער האָט געטון איין עברה! האָב איך געזאָגט, פאַרוואָס זאָל ער אַריינגיין אין גן־עדן אַריין בעת איך ווער דורך אים פאַרשטויסן פון דער מחיצה פון גוטע מלאכים צוליב אָט דער איין און איינציקער עברה, וואָס ער האָט געטון? און אויב איר גלויבט מיר נישט, קענט איר זעען ווי איך בין באַשאַפן געוואָרן פון דער דאָזיקער עברה. קוקט אָן מיין גוף און זעט ווי מאָגער ער איז, ווי די פליגל מיינע זענען דאַר, עס געפינט זיך נישט אין זיי אפילו איין איינציקע פעדער, מיט וועלכער אָנצושרייבן אַ זכות אויף יידן!"

וואָס פאַר אַן עברה האָט ער געטון?

זאָגט ער צו זיי, „אין אַ פלוגתא צווישן רבי עקיבא און אַ חבר, לויט וועמען גייט די הלכה?

ענטפערן זיי אים, „האָסטו דען נישט געלערנט, אַז די הלכה גייט לויט רבי עקיבא און נישט לויט זיין חבר?"

זאָגט ער, „און ווי איז דער דין אויב איינער איז עובר אויף די רייד פון רבי עקיבא?"

זאָגן זיי, „ס׳איז דער דין ווי אויף איינעם, וואָס איז עובר אויף די רייד פון די חכמים".

נעמט ער אַרויס אַ גמרא פון אונטער זיינע פליגל און מאַכט צו זיי, „קומט און הערט!"

ענטפערן זיי, „אַ נשיא אַז ער איז געשטאָרבן, ווערן אַלע בתי־מדרשים בטל?

ענטפערט ער, „ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן, ווען איינער טוט די מעשים פונם נשיא און הערט אויף די רייד פון די חכמים".

מאַכן זיי, „חס ושלום אַז רבי ישראל, וואָס האָט געלערנט תורה מיט כל־ישראל און אויפגעשטעלט אַסך תלמידים, זאָל האָבן עובר געווען אויף די רייד פון די חכמים".

זאָגט ער, „זאָל די גמרא אַליין דאָס אויפווייזן!"

האָבן זיי אַ בליק געטון און געזען, אַז עס איז די מסכת בבא מציעא.

האָט מען געפרעגט ביים פרק שנים אוחזין בטלית צי רבי ישראל האָט ווען אָנגעכאַפּט זיין חברס טלית און געזאָגט „ער געהערט מיר". האָבן די דפים געעפנט זייער מויל און געזאָגט, „חס ושלום"!

האָט מען געפרעגט ביים פרק אלו מציאות צי ער עהאָט נישט אַמאָל געפונען אַ זאַך און נישט אויסגערופן אויף איר. האָבן די דפים געענטפערט, „חס ושלום, אַזעלכעס זאָל זיך גאָרנישט טרעפן ביי יידן!"

האָט מען געפרעגט ביים פרק המפקיד צי ער האָט נישט אַמאָל פאַר־

פעלט אומצוקערן אַ פקדון צו זיין בעל־הבית. האָבן די דפים געענפערט, „חס ושלום!“

האָט מען געפרעגט ביים פרק הזהב צי רבי ישראל האָט קיינמאָל נישט געבראָכן זיין וואָרט. האָט דער פרק געענטפערט, „חס ושלום!“

צוגעקומען צום פרק איזהו נשך, האָבן די דפים זיך צוגעקלעפּט איינס צום אַנדערן און גאָרנישט געזאָגט. האָט מען געפרעגט, „קען עס, חס ושלום, געמאָלט זיין, אַז אונזער ברודער רבי ישראל זאָל האָבן געליען אַ מעסטל פאַר אַ מעסטל?“ האָבן די דפים געענטפערט, „חס ושלום!“

האָט מען געפרעגט, „אויב אַזוי, וואָס זשע האָט ער געטון?“

האָט דער מלאך אָנגעהויבן צו לייענען אין דער גמרא, „צוויי מענטשן, אַז זיי גייען אונטערוועגנס און ביי איינעם אין דער האַנט איז אַ קריגל וואַסער, אויב ביידע טרינקען דערפון, שטאַרבן זיי ביידע; אויב אָבער בלויז איינער זאָל טרינקען, וועט ער דערגרייכן צו אַ ישוב. האָט בן־פּוטירא געדרשנט, אַז עס איז בעסער ביידע זאָלן טרינקען און שטאַרבן ווי אַז איינער זאָל זעען זיין חבר שטאַרבן. ביז ס׳איז געקומען רבי עקיבא און געלערנט וחי אחיך עמך (דיין ברודער זאָל לעבן מיט דיר), דיין לעבן קומט פריער ווי דיין ברודערס לעבן“.

האָט מען אים געפרעגט, „ווי קומט דער ענין צו רבי ישראל?“

האָט ער זיי געענטפערט, „אַמאָל איז רבי ישראל געגאַנגען מיט אַ חבר אונטערוועגנס און געהאַט אין דער האַנט אַ קריגל וואַסער, אין וועלכן ס׳איז געווען גענוג בלויז פאַר איינעם פון זיי. נעמט ער און גיט דאָס קריגל דעם חבר זיינעם. קומט דאָך שוין אויס, אַז ער האָט עובר געווען אויף די רייד פון רבי עקיבא, וואָס די הלכה גייט לויט אים און נישט לויט זיין חבר און ער האָט נישט מקיים געווען דעם דין“.

זאָגן די צדיקים, „געשיקט זיך דען, אַז רבי ישראל אונזער חבר זאָל נפטר ווערן און נישט זיצן אין גן־עדן? וואָס פאַר אַ פּנים וועט דער גן־עדן האָבן ווען אַזאַ צדיק וועט נישט רוען אין אים? נאָר כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז אויבן קוקט מען אויף דער פּערזאָן, לאָמיר דאָס איבערשמועסן אַ ווײַלע מיט אים אײדער מיר נעמען אים אַרײַן“.

האָבן זיי זיך אָוועקגעשטעלט מיט דער נשמה פון מורינו הגאון רבי ישראל איסערליין און דאָס טאַקע איבערגעשמועסט אַ ווײַלע ביי דער טיר פון גן־עדן.

דערווייל זענען אַרויסגעקומען אַלע איבריקע צדיקים, וואָס האָבן פריער נישט באַוויזן אים אַנטקעגנצוגיין, און האָבן אים אַרײַנגעפירט מיט גרויס פרייד אין גן־עדן אַרײַן און אים אָוועקגעזעצט אויף אַ שטול פון הערלעכקייט אויבנאָן, געשטעלט אַ בימה פאַר אים און אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט צו הערן זיין דרשה.

איז ער אַרויף און געהאַלטן אַ גרויסע דרשה, וואָס די פליגל פון די מלאכי־השרת האָבן געגומען בלישטשען פון זיינע רייד. און איבער וואָס



האָט ער געדרשנט? איבער אַ משנה פון רבי עקיבא: „אשריכם ישראל“ (וואויל איז אייך, יידן).

און וואָס איז שייך יענעם מלאך, אַטייל זאָגן, אַז ער איז צעטרעטן געוואָרן אונטער די פיס פון די צדיקים און ס׳איז דאָ אַ יש אומרים, אַז מורינו הגאון האָט געבעטן רחמים פאַר זיינעטוועגן און אים אַרויפגעברענגט צו דער כתה פון די מליצי־יושר.

פון עברית איבערגעזעצט, א. אלמוג

א. נ. שטעצל

## אראפ פונם יאריד...

3

דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן גיין מיט זיין נאָרמאַלן גאַנג, מיט אַ סדר, מיט אַ דרך.

ערד, מכל־שכן בלומען־ערד, קאָן מען נישט מאַכן — דאָס איז נישט קיין „ערזאַץ“! מ׳מוז קודם־כל האָבן ערד, אמתע ערד, דערנאָך זי אויסבעסערן, אויסאיידעלען, פאַראיידעלען.

איז דער סדר געווען אַזוי: זונטאָג אויף דער נאַכט, ווען דאָס דאָרף איז געלעגן אין שענק, די פּויערים, די בעלי־בתים, די „קנעכט“, געזופט אין גלאָז וואַסערדיק ביער נאָכן אַנדערן, געשמועסט פּאָליטיק: פונם אַמאָליקן פעטן ביר, וואָס מ׳האָט געקאָנט שניידן ווי מיט אַ מעסער . . . פונם יודען־מעסער אין רוקן, דורך וועלכן מ׳האָט פאַרשפּילט דעם גרויסן זיג.

דעמלט ווען דאָס קירכע־גלעקל האָט געגעבן דעם לעצטן קלונג און פונם טאַנץ־זאַאל האָט זיך געהערט די האַרמאָניקע ווי זי אַרבעט אויף ביידע זייטן, דעמלט זענען מיר אַרויס הינטערן דאָרף, אויף אַ בערגלדיקער לאַנקע, אין אַ שיטער וועלדל, און אויסגעגראָבן אַ וועגעלע ערד און עס אַהיים־געפירט אין שטאַל אַרײַן.

געברענגט די ערד אונטערן זיכערן שלאָס, האָבן מיר זיך געלאָזן אין שענק אַרײַן, ווי די זיגער, ווי די איינגעמער פון שטיקער ערד — פון לענדער גאַנצע! און גענומען ערשט באַשטעלן דאָס וואַסערדיק ביר גלאָז נאָך גלאָז.

אים אָבער, מיין שותף, האָט געררייצט אַ געשלעג, אַ ביסל גוים־נחת, ס׳צעפירן אַביסל יום־טובדיק די הענט — „הידים ידי עשו“! ווי קאָן מען עפּעס איינגעמען אַ שטיק ערד און זיך נישט צעבלוטיקן — האָט ער אָנגעהויבן צו פירן פּאָליטיק, זיך צו קלאַפּן מיט דער פויסט אין האַרץ אַרײַן: „דער רויטער וועדינג לעבט נאָך! . . . מ׳וועט אייך ווייזן, איר דרעק־פרעסער, איר שטול־פּוצער . . . די פרעסע וועט איינשלאָגן“ . . .

ער האָט שוין נישט געוואוסט וואָס ער רעדט, אָבער איינס האָט ער געוואוסט, אַז ס׳גלוסט זיך צו צעפירן די הענט — אַ שאָד צו פאַרלירן אַזאַ

טייערן זונטאָג! ער איז טאַקע נאָר איינער און זיי אַסך, אָבער זיי זענען שוין צופיל אונטערן גלעזל . . . זיי זענען דאָך שוין אַזוי געזעסן, געפּיפּקעט און געזופּט שוין שעהן און ער — נאָך מיטן „ריח השדה״, פּילט נאָך דעם „גריף״ פון דער לאַפּאַטע אין די הענט . . .

איך, אַז איך האָב געזען אַז עס האַלט שוין אַזוי ווייט, האָב איך אים פאַרגינען און בין „פאַרדופּטעט״ אינם טאַנץ־זאַאל אַריין.

זיך גוט אַדורכגעשלאָפן ווי די געהרגעטע, און דעם גאַנצן מאָנטאָג האָבן מיר פון דער רוי־ערד, פון דעם זאַמדיקן לאַנקע־ליים און פון דעם דעם וואַלדיקן, קאַלטיקן וועלק־בלעטער־געוואָרצל אויסגעאַרבעט די קונסט־ערד, די פאַראיידעלטע ערד, די בלומען־ערד.

געשאַוולט און געזיפּט, מיט דער השתנה פונם פערד געמישט, פאַרפוילטע בלעטער וויאַנענדיק־צעריבענע, אַביסל קאָמפּאָסט אַריינגעטון, אַן עמער „מעניר״, קונסט־מיסט. ער, מיין שותף, האָט געקענט די מלאכה און איך האָב נאָך מיין האַלענדישע פאַכמענישקייט צוגעלייגט — די מענטשלעכע מי גופא האָט אויך אין זיך איר כוח און די קופּע ערד האָט איר „נאַטירלעכע״ פאַרב באַקומען, איר ריח, איר צאַרטע ווייכקייט — ס׳איז געוואָרן עכטע בלומען־ערד, קונסט־ערד, קיין קינסטלעכער ערזאַץ — זי האָט אין זיך דעם אָטעם פון מענטש. „ויהי ערב ויהי בוקר יום שני״.

אַרומגעפאָרן מיט דעם וועגעלע בלומען־ערד זענען מיר איבער די בערלינער „בעסערע״ גאַסן דינסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג. געטיילט האָבן מיר דאָס לייזעכץ אין דריי חלקים, ווייל עס איז דאָך געווען כולו ריוח — דער דריטער שותף איז געווען דאָס פערד! קודם האָט דאָך געקאָסט דאָס אויפגעהאַלטן אים, און זיין טייל אַרבעט און צושטייער צום „רוי־מאַטעריאַל״ איז לגמרי נישט געווען ווייניקער ווי אונזערע — זיין השתנה און זיינע מיסט־עפּל זענען דאָך געווען דאָס „אוממיטלבאַרסטע״ און נאַטירלעכסטע אין דער גאַנצער סחורה . . . מ׳האָט נאָר געדאַרפט געבן אים אַ קוק אין זיינע גנבישע, קלוגע שליפּיעס אַריין און מ׳האָט געזען, אַז ער פאַרשטייט זיך אויפן גאַנצן עסק . . .

אין בעל־שם לידער, וואָס איך האָב געשריבן אין יענעם פּעריאָד, שפּילט טאַקע דאָס פערד די „אוממיטלבאַלסטע״ ראָלע — דאָס לירישסטע, גלויב איך, אין מיינע יענע פּאָעמעס.

די ערשטע פּאָר וואָכן איז טאַקע אַלץ געגאַנגען כשורה.

זיצנדיק מיט אים אויפן וואָגן, האָט ער מיר דערציילט וויאַזוי ער איז געוואָרן אַ קאָמי, פון די ערשטע איז ער געווען, ווען ער איז צוריקגעקומען פון געפאַנגענשאַפט — כמעט ס׳גאַנצע דאָרף האָט ער קעגן זיך! טיילמאָל זיך אַליין אויך . . . דעמלט הייבן זיך אָן די געשלעגן . . . מ׳שלאָגט זיך נאָ קופּי איינער מיטן אַנדערן . . . פרעג בחרם וואָס ווען . . . זיי וועלן אים זיכער פערטיק מאַכן . . . האָבן זיי נישט פערטיק געמאַכט די ראָזאַ, קאַרלען — ראַטענאַו?



איך וויל אים זאָגן, אַז ראַטענאַו איז גאָר עפּעס אַנדערש . . . אים האָט מען „פערטיק בעמאַכט״ פּשוט ווייל ר׳איז „איין יודע״ און אַז איך קען גוט דעם ברודער פון ראַטענאַוס מערדער, אַ דייטשער פּאָעט, אַ דאָקטאָר . . .

„אדרבא, דערקלער עס מיר פּאַדראַבנע, ווייל כ׳קען עס אינגאַנצן נישט צעקייען . . . עפּעס האַנדלט זיך כסדר מיט ׳ידן . . . דאָרטן זענען עס אויך די ידן, לעניך, טראָצקי״ . . . הערסט, זיי ווילן פון מיר רק אַרויסקריגן צי דו ביסט נישט אויך אַזעלכער . . . איינער פון דאָרטן״ . . .

איז צוגעקומען אַ פרוי מיט אַ יידיש פּנים, האָט ער מיר געגעבן אַ שטויס: „,קנאַרקע׳״ . . . שיט אָן!״ און געגעבן אַ וואונקל מיט אַן אייגל צום קונה: אַן אייגענער, איינער פון דיינער . . .

דעם פרייטאָג־צו־נאַכטס און דעם שבתדיקן גאַנצן טאָג בין איך געווען אַ תושב אינם ראָמאַנישן קאַפעע — איז דען נישט גענוג, אַז מ׳ביקעוועט זיך אויס פינף טאָג אין אַ וואַרעם בעט און מ׳פרעסט ביז צום צעפּלאַצט ווערן און מ׳אָטעמט איין ריינע דאָרף־לופט? זענען די פופציק שעה אין דער שטאָט געווען איין יומא־אריכתא פון ריידן, דיסקוטירן, פאַרלייענען זיך אָנפרייען מיט חברים, אַלטע באַקאַנטע און נייע צוגעקומענע — יעדן שבת בין איך אַליין געווען אַ פּנים־חדשות און „אוממיטלבאַרקייט״ האָט געשפּראָצט פון מיר . . .

דעמלט, אין יענע וואָכן, האָב איך אויך געטראָפן צום ערשטן מאָל פּנים־אל־פּנים שלום אַש און יוסף אָפּאַטאָשו.

מיט אַשן האָב איך מיך שוין געהאַט אָפּגעלייענט, אָבער אָפּאַטאָשו איז געווען אַ נייער נאָמען, וואָס איז געגאַנגען אים פאָרויס איינצונעמען די יידישע וועלט מיט זיינע „פוילישע וועלדער״.

און דווקא ביי אַ טישל, וואו מיר אַלע האָבן אַרומגערינגלט נאָמבערגן, איז דאָס בוך אָפּאַטאָשוס באַהאַנדלט געוואָרן מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון אַ צד קעגן אַ צד, און די שאַרפסטע קריטיק האָט דווקא אַרויסגעזאָגט — נישט אַן אוקראַיניִשער ייִדער דער ליטוואַק — נאָר אַ פּוילישער.

„ביין״, האָט נאָמבערג ניכטער, געלאַסן, מיט אַ שטיל הוסטעלע יעדן עקסטרע אין די אויגן אַריינגעקוקט: „און איך זאָג אייך, אַז דווקא דער שנאַרצער ישראל איז נישט קיין יידישער טיפּ — ער איז געגלאַכנט ביי דאָסטאָיעווסקין״.

די שטילע, געלאַסענע נאָמבערג־רייד — אַ פּוילישער ייד, וואָס על־פּי שכל האָט ער געדאַרפט זיין אויף אָפּאַטאָשוס צד — האָבן אויפגעברויזט דאָס טישל ווי יאָגנדיקע צפון־ווינטן — די פּאָר אוקראַינער האָבן אויפגעכאַפּט די גלאַצע־קעפּ מיט צעבליצטע אויגן און קולבאַקס טשופּרינע־פּאַטלע האָט זיגעריש געפּאָכעט אין דער לופטן . . . און זע, ווי אַ רואה ואינו נראה שטייט שלום אַש ווי אַ רואיקער דעמב הינטער אונז און גלאָצט טאָמעוואַטע מיט זיינע ווי מיט נעפּלען איבערלאָפּענע, גרויסע אויגן . . .

דאָס גאַנצע טישל האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אַשן: קודם איז ער

דער גרויסער שלום אַש, והשנית — והשנית איז ער דער, וואָס האָט געברענגט דאָס קאַפּל מיט דאָלאַרן פון „דזשוינט" צו פאַרטיילן צווישן די פּליטים־שרייבער . . .

מ׳האָט אָבער געמוזט זעען די ליבשאַפט אין נאָמבערגס אויגן, דערזעענדיק זיין שלומען, וואָס האָט זוכה געווען לתורה ולגדולה . . . ווער איז ער יעצט הערש דוד נאָמבערג, דער באַשאַפער פון „פליגלמאַנען", אַ ציטונגס־זשורנאַליסטל, דער דעת־הקהל פון אונטערן אויוון אויף דער גענשער גאַס . . . זיין פליגלמאַן רוקט זיך נאָך דערשראָקן ווי אַ שאָטן ביי אַ וואַנט ביז ער איז אינגאַנצן אַריין דאָרט אין דער וואַנט . . . אַשס „מאָטקע", „אַנקל מאָזעס" האָבן די וועלט „איינגענומען" — ס׳איז זייער צייט . . .

מ׳האָט געברויכט צו זעען נאָמבערגס אויגן, אַ קינד וואָס קוקט אַרויף צו אַ טאַטן, אַ טאַטע וואָס וויל באַשיצן זיין בן־יחיד — איין וואָרט נאָר האָט זיך אַרויסגעריסן אים פון מויל און דאָס אויך זער שטיל: „שלום".

„הערש דוד, איך קען אים, ער מאַכט יעצט זיין טריאומף־רייזע איבער איראָפּע, זיי נישט קיין פּוגע־נוגע . . . " שמייכלט ער מיט אַ ברעם־באַוועג צו נאָמבערגן: „ער וועט זיך שוין זיין אייגן שטעטל באַשטיין . . . איך קען אים דאָס אַ יונג מיט כוחות, פון אונזערע היימישע, מיט אַן עפּעס" . . .

נאָבערג — אין דער שטילקייט פון דער גאַנצער חברה אַרום — האָט אים געקוקט אין מויל אַריין, אַרויסצוקריגן וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס מיינט עס דער „עפּעס" . . . אָבער אשס אויגן האָבן זיך שנעל ווידער באַהאַלטן אונטערן גלאַציקן נעפּל און גערעדט צו אַלעמען און ווי אין דער וועלט אַריין:

קומט חברה, לאָמיר „באַגיסן", וואָס ווען האָט ער נישט צוגעגעבן. ס׳האָט געקענט מיינען זיין דערשיינען, זיין זיך ווייזן דאָ פאַר אונז און ס׳האָט אָבער אויך געקענט זיין אַזאַ גראַנדיעז בוך ווי די „פּוילישע וועלדער": „כ׳לאַדן אייך אַלע אָן אין ביר־קעלער אין גרונעוואַלד, כ׳מוז מיך דאָרט טרעפן מיט מיין דייטשן פאַרלעגער".

אָנגעשטופּט זיך אַ פולע טאַקסי, בין איך שוין געזעסן אויף צוויי שפּיציקע קני. אין ביר־קעלער, צעזעצט בהרחבה אין די ברייטע האָלץ־"זעסלען", האָט אַש, מעשה בעל־הבית, מעשה וועלט־תושב, זיך געזעצט דער לעצטער און חבריש ברייט אַ זאָג געטון:

„הייסט אייך געבן וואָס איר ווילט, וואָס אייער האַרץ גלוסט". און מ׳האָט געהייסן און ס׳איז געוואָרן וואַרעם ביי דעם שווערן, דעמבבענעם ווייַן־קעלער טיש און די דיסקוסיעס זענען געוואָרן הייס, די האַמפּערניש האָט געקאָכט, האָב איך דערשפּירט אויף מיר אַשס בליק, אַ נאַקעטער, אַ פריינטלעכער: „קומט דאָך אַרויף צו מיר און ווייזט מיר אַ מעשה". אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעהויבן און ווי אין דער לופטן אַריין אַ זאָג געטון: „רבותים, איר מוזט מיר אַנטשולדיקן, עס וואַרט אויף מיר אין צווייטן צימער מיין דייטשער פאַרלעגער".

די דיסקוסיעס, די האַמפּערנישן האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעברויזט,



און דער „אָבער" האָט געשוויצט טראָגנדיק משקה על־חשבון הגביר. נאָמבערגס אויגן האָבן גענומען קוקן צו דער „טיר פונם צימער, וואו דער „דייטשער פאַרלעגער" האַלט אין איין וואַרטן. ער האָט גענומען שמייכלען און צוגערופן דעם „אָבער־שעף" ער זאָל אים געבן דעם חשבון און צום טיש גערעדט ווי אַ טאַטע, וואָס וויל פאַרענטפערן די מאָדנע דרכים פון זיין בן־יחיד:

„אַזוי איז ער שוין, אונזער שלומל, וואָס שטאַרקער דער טאַלענט צעוואַקסט זיך אַלץ שוואַכער ווערט דער זכרון".

צוריקפאָרנדיק אין ראָמאַנישן קאַפע אַריין, זענען מיר שוין געפאָרן אין דער טאַקסי גאָר ברווח, וואָרים אַש האָט ליב אַ ברייטהאַרציקן פלאַץ צווישן חברה, אַפילו אין אַ טאַקסי . . .

4

קומענדיק אין איינעם אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס אין קאַפע אַריין, האָב איך שוין פון דערווייטנס געזעען אַ פּנים־חדשות. „אונזער" עולם איז געזעסן אויסגעזעצט הינטן אויף דער לאַנגער, אויסגעבעטער פּליושענער באַנק. דער שפּיגל הינטער זייערע קעפּ האָט שבתדיק געלויכטן און געוואָרפן זיין שיין איבער דער גאַנצער לענג פון באַזעצטן קאַפע מיט די צענדליקער טישלעך . . . אַפּנים אַ גרויסע שמחה ווערט דאָ געפּראַוועט! ווי אַלע קאַפעבאַזוכער, משמעות געווען איינגעלאַדנע געסט דערצו . . . איך בין צוגעגאַנגען פּאַמעלעך צו דעם לויכטנדיקן, שפּיגלדיקן, דאָס האַרץ האָט מיר גענומען קלאַפּן, מיך איינזויגנדיק אין דעם פּנים און אין דעם שיינעם, שלאַנקן, בלאָנדן פרויען־קאָפּ ביי זיין זייט.

ווי רעגעלמעסיק־האַרמאָניש, ווי שטיל דאָס פּנים פון דער פרוי איז נישט געווען, איז זיין גרויסער, ברייט־געפּאָלדעוועטער שטערן איבער זיין קליינעם, צעקנייטשטן געמבעלע־צוגעשפּיצטן דרייעק נישט געווען פּראָפּאָרציאָנעל. די לעגנלעכע נאָז האָט ממש געפּיקט די ווערטער, וואָס האָבן זיך ווי גאַרשטן קערנער געשאָטן פון זיין מויל — ער קאָכט זיך ווי איבער אַ הארבן רשב״א! ווי איבער אַ תשובה אויפצובינדן אַן עגונה . . .

דער שוואַרצער קענזשער־קאָפּ באַוועגט זיך אין אַלע זייטן. די הענט זענען נאָך פלינקער מסביר. איך האָב אים שוין, זיינע אויגן, אָט זענען זיי אַזוי פּיטשעדיק־קליין, אַ פאַרלוירן פּינטעלע, און אָט רייסן זיי זיך אויף אייך איינצושלינגען.

איך בין נאָך פּאַמעלעכער געגאַנגען און כ׳שפּיר, אַז די אויגן קוקן טאַקע אויף מיר ווי זיי וואָלטן מיר געגעבן אָנצוהערן: „בחור, וואָס גאַפּיעסטו אַזוי? . . . יאָ, די שיינע דאַמע איז מיין פרוי".

מיינע שריט האָבן זיך צעיאָגט און דירעקט צום מיטלפּונקט פון די טישלעך: „שלום עליכם, דער שרייבער אַפּאַטאָשו?"

„וואָרט, כ׳האָב עס. אַ. נ. שטענצל, כ׳קען אייך". ער האָט זיך ברייטלעך

אויפגעשטעלט. אינם פריילעכן לאַכן פון זיינע ליפּן האָט זיין צעפּאָלדעוועטער תלמיד־חכם־שטערן ליכטיק אַרויסגעלויכטן פון דעם ענגן, צוגעשפּיצטן דרייעק — איך האָב נאָך אַלץ געגאַפט.

„זעצט אייך, דאָס איז מיין פרוי, אַדעלאַ. (אַזוי גלויב איך, אויב ס׳געדענקט זיך נאָך, נאָך זעקס און פערציק יאָר. בכל אופן, דאָס פּנים פון פרוי אַפּאַטאַשו שטייט מיר נאָך אַצינד פאַר די אויגן).

זיי האָבן געוואוינט אינם קאַנט־האָטעל — עס איז געווען „משכנו נרוצה אחריך״!

ר׳האָט די פרוי אַריינגעפירט אין זייער צימער און דערנאָך זענען מיר געבליבן זיצן אין פאַיע. ווילאַנג? איך זיך נאָך מיט אים אַצינד . . .

אַמין היימישקייט, ס׳האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט — ס׳גאַנצע געשטעל האָט אַרומגענומען מיט ליבשאַפט. אַזאַ נאַכט ברעכט איינעם אויף ווי אַ בלאַנקענדיקער שפּאַדעל אַ שטיק קרקע־בתולה.

ער האָט זיך מיט מיר אַזוי געזעגנט, אַז נאָך אַמאָל אַרויפצוגיין אין האָטעל וואָלט געווען איבריק. צוריקגיין אין קאַפעע, טרעפן מאָרגן חברים — ס׳וואָלט אַלץ וואָכעדיק געמאַכט.

כ׳האָב אַזוי געבלאַנקעט ביז די זון איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיקטע איבער דער שפּרעע און איך אונטער דער בריק ביים באַנהאָף פרידריך־שטראַסע און געקריצלט מיט מיין בליישטיפטל אַ לידל „מיין עלטערע ברודער״.

ווייט פון דער היים, פון היימישע יידן, פון יידישקייט, פון טאַטנס הויז — אַ פּאַכאַלעק אַזאַ! קומט אַ מענטש פּלוצלינג פון ווייטן קאָלאַמבוס־אַמעריקע און נעמט דיך אַרום מיט אַזאַ היימישקייט, מיט אַזאַ פּויליש־יידישקייט — מיט אַזאַ „בני־היכלא דכסיפין״ — וואַרעמקייט.

איך בין געגאַנגען אויפן וועג פון דער פרידריך־שטראַסע צום שטעטיגער־באַנהאָף צו פאָרן צוריק אין דאָרף אַריין צו האָבן פאַר מיר דעם גאַנצן פרייען שבת.

* * *

ווען כ׳בין אין שטאָל אַריין האָב איך אים, מיין שותף, געטראָפן ליגן אַ צעהרגעטן, מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און אַ צעביילטן קאָפּ, איין אויג האָט מען אים אינגאַנצן נישט אַרויסגעזעען:

„פאַרדופּטע״, האָט ער קוים אַרויסגעשעפּטשעט . . . זיי וועלן דיך פערטיק מאַכן . . . פאַרדופּט . . . מיין „שאַכטל״ קומט שפּעטער, וועט זי מיך אָפּפירן אין שפּיטאָל אַריין״.

דאָס פערדל, דער דריטער שותף אונזערער, האָט טריב געקוקט, מיט אַ קאַפּעדיק אויג, ווי מיט מיטלייד, ווי מיט זאָרג און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; עס האָט געקאָנט זיין גרויס־פּאָליטיק: אָט אַזוינס־א זייט איר, איר מענטשעלעך. איבער אַ צענטער ערד קוילעט מען זיך איינס ס׳אַנדערע . . . און ס׳האָט געקענט מיינען: ער איז גערעכט, טראָג דיך אָפּ און דאָס וואָס



שנעלער, מיש דיך נישט אין פרעמדע עסקים . . . ס׳איז איין חד־גדיא, קאַספּער, מייכער, באַלזער . . .

איך האָב אים געוואָלט עפּעס געבן, אַרום צו ווישן, האָט ער געגעבן אַ בייזן מאַך מיט דער האַנט: „פאַרדופּטע! . . .

כ׳בין אַריין אין קיך, געהאַט דאָרט מיין ביסל כתבים, אַ צוויי־דריי ביכער. זאָל נישט בלייבן קיין סימן פון מיר, קיין זכר . . . דאָ וועט זיך, מסתּם, נאָך פּאָליציי אַריינמישן . . . נאָך אַ נס וואָס כ׳בין היינט געקומען, מאָרגן וואָלט מיך די חברה אָפּגעוואַרט . . . כ׳האָב מיך שנעל געלאָזן צום קליינעם דאָרף־באַנדל.

אָנגעקומען אויפן שטעטינער באַנהאָף אַ נישט־דערשלאָפענער, אַ הונגעריקער, אַ אַ פאַרמוטשעטער פון די אַלע משונהדיקע געשעענישן און דערלעבטע איינדרוקן, האָב איך מיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער סטודענטן־היים,ראָג פרידריך־אָראַניענבורג שטראַסע.

ס׳איז נאָך געווען ליידיק. אין דער צווייטער שטוב ביים בופעט האָט זיך אַ פרוי געפּאָרעט. כ׳בין געבליבן זיצן אויף אַ זעסל אַ מיד־פאַרמוטשעטער, אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, אַ פאַרטראַכטער.

אַפּאַטאַשוס זאָג: „אין דער דיכטונג געפינט איר דאָך אויס נייע וועגן, מיר אין דער פּראָזע שלעפּן זיך תמיד אויפן אויסגעטרעטענעם אָקסן־טראָט״ . . . איז מיר געבליבן שטעקן ווי אַ שפּיציקער קלין אין קאָפּ. וואָס הייסט מיר געפונען אויס? ס׳קאָמפּליצירטע לעבן געפינט אויס . . . ווי קאָמפּליצירט אַלץ איז . . . ווי „אוממיטלבאַר״, ווי נאַטירלעך פאַרוויקלט און משונהדיק . . . טראַכט איך? חלום איך? . . . אָט דזשימיע איך איין און אָט כאַפּ איך מיך דערשראָקן אויף: אַן אָקס מיט גרויסע, שפּיציקע הערנער גייט אויף מיר אָן. פונם קענזשער־קאָפּ, פונם געקאַרבטן שטערן לייכטן אַזעלכע גרויסע רויט־תּאוהדיקע תלמיד־חכם־אויגן.

„חבר, וואָס פאַרשלאָפט איר אייערע יינגע יאָרן״, שפּיר איך אַ קלאַפּ אין פּלייצע און רייס אויף די אויגן.

„אַנטשולדיקט, נישט געמיינט, חלילה, קיין שלעכטס. כ׳באַאָבאַכט אייך שוין אַ לענגערע צייט און זע, אַז איר זענט זער צעטראָגן . . . אפשר קאָן איך אייך מיט עפּעס . . . איר פאַרשטייט, מיר קאָן שוין גאָרנישט געשען, מיר איז שוין אַלץ געשעען״.

איך טשוכע מיך אויס, קוק אים וואָרטלאָז אָן: דער טיפּ פון אייביקן סטודענט, פון פאַרשפּילטן טאַלאַנט, פונם גייסטיקן טרעמפּ?

„נעבנביי, מיין נאָמען איז אשמיל. איר ברויכט זיך ·שט פאָרצושטעלן, איך האָב אייך געזעען מיט אברהם מרגליותן . . . אָבער לאָמיר נישט אַוועקגיין פונם עיקר: איר זעט, די גרויסע שטעט, די מעטראָפּאָליע האָבן איין גרויסע מעלה, אַז אַ מענטש האָט באמת עפּעס צו זאָגן, זאָגט ער עס שוין . . . וויאַזוי? דאָס איז קיינעמס עסק נישט . . . עס איז זיין אייגענער! קומט אַראָפּ, וועל איך אייך ווייזן, אַז מ׳ברויך די אַלע געשוואוי־

רענע בעל־טובות אויף תשעה־טויזנט כפרות. מיט איין כראקע מוז מען זיי אַלע אַלע דערטרינקען . . . קען מען דאָס נישט — קען מען דאָס נישט!"

"אָבער וואָס רעדט איר אַזויפיל, וואָס ווייסט איר וואָס אין מיר טוט טוט זיך . . . ? וואָסערע בעל־טובות? . . . . "

"מיטן ערשטן זענט איר כשר געכעט, אָבער מיטן צווייטן? צ'לאַכט ער זיך אַ נישט־גוטס: "אָבער איך ווייס דאָך וואָס אין מיר טוט זיך . . . ?

ער שטעלט זיך אָפּ און קוקט מיך שאַרף אָן: "כ'האָב מורא פון דעם

(המשך אויף ז. 31)

## קאנוואלעסצענץ

קאָן דען אַ הימל זיין אַזוי גרוי,
די געדיכטסטע כמאַרע אַזוי שווער?
כ'דערזע מיין פּנים אינם שפּיגל,
כ'דערקען מיך נישט; ווער איז עס, ווער?

צי איז דען עמעץ דאָ אין שפּיגל?
אויפן הימל אויבן פּונקט אַזוי!
נאָר אין האַרץ קאָן זיין אַזוי שווער,
הויערן אַזוי טרויעריק גרוי.

## בין-השמשות גרוי

דער גאַנצעד גרויער אַרומעט,
דער הימעל אין אַ וואָלקן פאַרהילט;
עפּעס ווי רויטס, רויטלעך־רויזיקס,
ביטערלעך אין דער לופט זיך פילט—

ווי אין אַ גלאָז מוטנע וואַסער
אַקאָרשט זיך אויפגעלייזט אַ פּיל;
כ'קוק מיך אַרום ווי כ'הער עפּעס—
אַזאַ אומעט טרויעריק שטל.

## א פינסטערע נאכט . . .

לעשן זיך די שטערן דרויסן אין ווינט,
וואקלט לבנה צווישן וועלן־געברויז?
איך וואַרף מיך ווי דער ים די גאַנצע נאַכט,
אַנגסטן פלייצן מיר פון שטערן אַרויס.

איז עס דרויסן דאָס גוססדיקע ברויזן?
ווי אָנגעשטרענגט אָפן די אויגן כ'האַלט!
קיין שטערן־שימער, קיין שנירל שיין שוין,
ווי אַ שטערן פון אויג אַ טרער מיר פאַלט.



אַז אויף אַ רגע כ'פאַל אין שלאָף אַריין —
פון טיפן תהום כ'רייס אַרויס מיך קוים:
"כחלום יעוף" — נישט צוריקצושווימען,
פלייץ איך צו ברעג שוין מיט לעצטן געשוים?

## קאנוואלעסצענץ

א.

כ'קאָן אים נישט זען, כ'הער נאָר זיין גערויש
ווי ער וואָלט מיט מיר וידוי זאָגן;
אפשר שוין געבויגן גאָר איבער מיר,
מיך צו באַוויינען און צו באַקלאָגן.

און טאַקע אויף דעם אַהערגעקומען,
וואָרום ווער וואָלט מיך דען באַוויינען?
כ'עפן די אויגן, זע צעגליט מיין פּנים —
פון שפּיגל — די זון וואָלט אַרויסשיינען.

און איך הער ליפּן שמייכלדיק שעפּטשען:
דורך וואָלקן־דיק זון קענען דערבליקן
און אין רעגן געשפּריץ אויף דער שויב —
דעם טאַנץ־געפלייץ פון פרילינג־מיקן.

ב.

בליי שיכט אויף שיכט לייגט זיך אויף ברוסט —
דער שווערער הימל דער גרויער;
ווי דער דרויסן דורכן פענסטער
נאגט אינם האַרצן אַ מין טרויער.

ציען זיך מוטנע די מינוטן,
אויף די שויבן די שנירלעך רעגן;
נישט איך — עפּעה אַ פרעמדער,
אַ מת שוין אין בעט וואָלט געלעגן.

און אפשר וואָלט עס שוין טאַקע
אַזוי אַסך בעסער געווען?
און דעם סוף פון בוך, צוקאָפּנס,
אַן אַנדערער וועט אים דערלעזן.

ג.

"ויהי ערב ויהי בוקר יום הששי",
אַנגעצונדענע ליכט אין זילבערנע לייכטער;

ביים טיש מיט אַלעמען, די פּאַפּירענע קאַפּלעך:
„גוט שבת, אײַך אַפּנים אַביסל בעסער“?

די הײמישע פיש, געשמאַקע לאָקשן,
און דער ים פאַר פענסטער — דער זמירות־זינגער
דעריאָך צוזאַמען מיט אַלע ביים בינגאָ־טיש
בלייב איך זיצן — אַ קינד אין מויל דעם פינגער:

ווילאַנג איז עס שוין, אַ זעקס און זעכציק יאָר שוין באַלד,
ווי אַלט דעמאָלט געווען, נאָך נישט קיין זיבן?
אַז כ׳זאָל בלייבן ביי איר דער געווינער,
די נומערן באָבע פריער צוגעקליבן.

## קליינע באלאדע

תמיד געפינט מען עפּעס אויפן ברעג,
וואָס די כוואַליעס שלײַדערן אַרויס,
אַמאָל האָט מען אַ מענטשן געפונען,
וואָס דאָס לעבן אים ארויסגעשליידערט —
א שיף־ברוך נישט נאָר אויפן ים בלויז.

## ווינטערדיקער ים־גרוס

כ׳טאַפּ מיין שאַליקל אויף מיין האַלז,
און ס׳ווערט מיר אַזוי וואַרעם דערפון,
ס׳איז נישט די פיינע, ווייכע וואָל,
איך נישט די שיינענדיקע זון, —

דער הימל מיט כמאַרעס באַדעקט,
און ווי ברויזיק־בייז ס׳בלאָזט דער ווינט,—
אַ בליק וואָס געקוקט אָן אויפהער
ווי אַ טאַטע אויף אַ קראַנק קינד.

כ׳האָב איך ביידע מיטגענומען,
דיין שאַליקל פון ווייכער וואָל
און זיין ווייכן, וואַרעמען בליק —
נישט ווערטער, וואָסערדיק — זיין קול,

איך פאַרשטיי, און ווי כ׳רייד מיט איך,
כ׳רייד איצט מיטן ברויזיקן ים;
כ׳דערצייל אים פון איך, ער ווערט שטיל,
דער בייזער ווינט מיט אים צוזאַם.



און פון אונטער דיקן וואָלקן
די זון קריכט שטילינקע אַרויס,
און וואָס איך דערצייל זיי, אויך זי
מיט האַלבן אויער שטיל הערט אויס.

שנעל פאַרשווינדט זי אונטער וואָלקן,
דעם ווינט זוך אים — ניע טו ניע טאם!
נאָר דער ים האַלט אין איין ריידן,
ער לאָזט אייך גריסן, מן הסתם.

## מעוון־געזאנג...

פון דער ווייטנס ברויזט דער ים און איבערן
איינזיק־איינגעפרוירענעם ברעג כ׳בין געשטאַנען,
ס׳געהארישע געשריי פון די מעוועס געהערט,
מסתם אַזאַ מין געזאַנג אויב גוט פאַרשטאַנען:

מיר זאַמלען זיך אויפן ים אַרויסצופליען,
איין אַליין אין נעפּל מ׳קאָן זיך פאַרלירן;
אַז אַפילו צוזאַם ס׳איז אויך נישט גאַנץ זיכער,
אויב נאָך צוריקקומען — ווער קאָן קאווירן?

בלויז זיצן געלעמטע מיט פאַרלייגטע פליגל,
ווילן מיר דאָך פאַרהונגערן און קראַפּירן;
געדיכטער נעפּל אַרום, שניי, שטורעם און פראָסט,
ביים לעבעדיקן לייב מיר ווילן פאַרפרירן.

אפשר זיך לאָזן אין די וואַרעמע לענדער,
פון אַ געבליבן שוועלבל זיך לאָזן פירן?
קוראַזש אַלע צוזאַם, אַ טשאַטע אויפפליען!
ווי לאַנג מיט אַ פליגל מיר קאָנען נאָך רירן.

אויף אָפענעם ים צווישן וואַגל פון כוואַליעס
אַ שווימידיקע נבלה אפשר דערשפירן?
בעסער אַ פגר פרעסן ווי עס צו ווערן!
ערגער פון ערגער קאָן דאָך שוין נישט פּאַסירן.

פון דער ווייטנס ברויזט דער ים און הויך איבער מיר
ווילדער פליגל־געוויי, געשריי נישט געצוימטער,
ווי דער הימל אָפענער תהום וואָלט געווען,
אַ כוואליעס־צעברויזטער, צעוויגט, צעשוימטער.

## ווילדער רויזן

ביי דער גרוי־קרישלדיקער פעלזן־וואַנט
דער קזשאַק מיט די ווילדע רויטע רויזן;
פון טאָג צו טאָג זיי ווערן אַלץ שענער,
ווי שטורמיש־בייז דער ים זאָל נישט ברויזן.

געדיכטע נעפּלען פאַרהילן דעם אַרום,
דער הימל איין גרויסע, שוואַרצע כמארע;
קומט מען צו צו דער קרישלדיקער וואַנט,
מ׳בלייבט שטיין ווי פאַר אַ געטלעכער מראה —

ציין געקריצט קרישלט זיך דער פעלז,
בלויז די קזשאַק־רויזן ווי רויט זיי ברענען!
און ווי עס זאָל נישט פּלייצן און שפּריצן,
זיי אויסלעשן ס׳וועט קיינער נישט קענען.

## נאַקעטער בוים אין ווינטער־זון

ווי ער שטייט ברייט און פעסט צעשטעלט,
הינטער אים ס׳צעאַקערטער פעלד,
גייט אויף אינם דאַמף אַזוי הייס —
אָפּגעגאַנגען ער איז אין אים שווייס,
אויפהויבנדיק זון איבער קאָפּ!
שאַ, אַט־אַט פאַלט זי אים אַראָפּ —

שטייט ער ברייט צעשטרעקט רוק־און־לענד,
פון ראַזמאַך טרייסלען אים די הענט,
אויפן פאַן אין נעפּל און גרוי
שטייט ער אַ נאַקעטער אַזוי —
יעדער מוסקל זיך ערשט אַנטפּלעקט,
שענדלעך מיט בלאַט געווען פאַרדעקט.

## דער ים־שפּיגל

ווי קריסטאַל קלאָר דער שפּיגל פון ים,
אַלץ וואָס שמוציק איז זינקט טיף צום דנא,
און דאָס ביסל נאָך וואָס איבערבלייבט,
ווערט אַהערגעשליידערט צום ברעג דאָ.

דער שפּיגל וואו די זון שפּיגלט זיך
מוז זיין ריינער פון דער זון אַליין!
נישט אַזוי לייכט איז עס — גאַנצע טעג
לייטערט ער זיך, צו זיין איין שעה ריין.



פילן זאָגן וועל איך דעם עיקר נישט דערזאָגן: גלויבט זיי קיינעם נישט, ס׳איז אַ חברה לא־יצלחס און שלעפּערס — אחד מאלף לא מצאתי״.

וועם, וואָס מיינט איר?״

„וועגן דעם וועלן דאָך טאַקע זיין אַלע אונזערע שמועסן שפּעטער״. ער איז שוין געווען זיכער אין מיין וועלן אים צוהערן, און זיגעריש מיר אַריינגעקוקט אין מיין בליק, אים פריינטלעך צוואַרפנדיק.

מיר זענען אַראָפּ, אַריין צו אשינגערן. איך האָב גענומען אַ גלאָז ביר און ער — פּאָרציע קאַרטאָפל־סאַלאַט פאַר פיר פעניג. מיר האָבן זיך אַנידערגעשטעלט ביי אַ געשטעטל: אין אַ קערבעלע זענען געלעגן ברוין־אויסגעבאַקענע קייזערקעלעך, אַרום זענען געשטאַנען מעסטעלעך מיט זאַלץ, פעפער, מושטאַרדע, פלעשלעך מיט עסיק, אַליוון־איל אאַז״וו.

ווען איך האָב געהאַט אויסגעזופּט מיין גלאָז ביר, האָט ער שוין געהאַט אויסגעטונקען אַ האַלבן טוץ זעמעלעך אינם אַליוון־איל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין צוגיסן אין טעלער קאַרטאָפל־סאַלאַט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ייגער: „דאָס איז מיין מיטאָג, און גלויבט מיר — אַסך געזונטער ווי די חזירישע וואורשטלעך מיט די אַלע בראָטנס און קלאָפּסן . . . נעבנביי, לאָמיר נישט איבעררייסן אונזער וויכטיקן שמועס איבער דעם ביסל אכילה: איר מוזט נאָר האָבן וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרייבן, איז אַלץ פאַר אייך אָפן, אַלע ביבליאָטעקן, אַלע אוניווערזיטעטן — אויף אַ וואקזאל פון מינדסטן באַנהאָף קאָן מען אָנשרייבן אַ דיסערטאַציע — אַלץ אַנדערע איז שמאָכטעס!״

„נישט פון יעטעס „פאוסט״־גראַממען — פון די אונטערגרונד־אַנאָנסי־פערזן מוזט איר לערנען מאַכן אַן אמתע פויסט: . . .״

דער מענטש איז מיר געפעלן און מיר האָבן זיך אַזוי אַרום געשלעפּט שעהן. ביי דער נאַכט זענען מיר אַריינגעפאַלן צו יאַנטלען אויף דער גרענאַדיר שטראַסע און געגעסן אַ היימישן קאַרטאָפל און באָרשט. ביים אַרויסגיין האָב איך געוואָלט צוגיין צו דער טאַשעוואַניע באַצאָלן, האָט ער מיר געגעבן אַ צי ביים רעקל: „איר זעט נישט, אַז דאָ ווערט געפּראַוועט אַ חסידישע מלווה־מלכה?״

„וואָס איך האָב געחלומט די נאַכט, יענע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר — — ?

„חלומט נאָך נישט״, האָט ער זיך צעלאַכט ווי אַ נישט־גוטער: קודם מוזט איר האָבן וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן . . . און אויב איר וועט זיין באמת שלעפעריק, וועט איר שוין שלאָפן ווי אַ געהרגעטער. ס׳ברויך נישט דווקא צו זיין קיין הימלבעט . . . אלא נישט, וואָס טויג דאָס ליגן? . . . און מכוח די אשת־חילס, דאָס איז אַן עקסטראַ קאַפּיטל . . . נאָר מיינט נישט, אַז זייערע יאַכנעס זענען בעסער״, האָט ער אַ ווייז געטון מיט דער האַנט אויף די צעזעצטע יידן ביי די טישן און די גרויסע קאפּלעך און סאַמעטענע קאַפּאַלאַטשן; און מיך אַ צי־געטון ביים רעקל אין דער פּייסטערער גאַס אַריין.

(המשך קומט)

פאַר דעם נאָר אַליין, פאַר אַזאַ מין כוח,
פאַר אַזאַ מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו־יאָרק, צו דיין אויער
און זאָג אַ דאַנק.

עלאַ זילבערג

## דאָס ענד פון יאָר

דער יאָר זיך געענדיקט,
דער זומער—אַוועק,
די נעכט ווערן לענגער
און קורצער די טעג.
דער הימל ווערט טונקלער,
די זון—קוים זי שיינט,
די וואָלקענס אַלץ שוואַרצער,
דער ווינט ברומט און וויינט.

די בלומען פאַרוועלקען,
וויסט בלייבט דאָס פעלד,
די ביימער פאַראומערט,
די בלעטער פאַרגעלט.

אַוועק איז דער זומער,
אַוועק אויך דאָס יאָר,
פון זיי נישט געבליבן
קיין זכר, קיין שפור.

און וואָכן און וואָכן
וועלן ווידער פאַרגיין,
ביז דער הימל וועט לייכטן
מיט זיין זוניקן שיין.
נאָר כל־זמן ס׳איז דאָ האָפנונג,
וואָס אַרט אונז די צייט?
אַ רגע פון נחת
ברענגט אָפט אייביקייט!

אויף דער יוו״א־קאָמיטעט זיצונג אין הויז פון ד״ר אהרן שטיינבערג איז אַרומגערעדט געוואָרן די קריטישע לאַגע פון ייוו״א אין לאָנדאָן. ס׳איז אָנגענומען געוואָרן בהסכם כולם, אַז דער ייוו״אָ אין לאָנדאָן מוז אָנגיין מיט זיין וויכטיקער טעטיקייט.

ד״ר יעקב מייטליס איז אויף אַ באַזוך אין פאַריז, וואו ער וועט האַלטן אַ רעפעראַט אין שרייבער־קלוב: „אַלט־יידישע פרויען ליטעראַטור״.

דער הסתדרות־פירער י. קאָרן ועפינט זיך איצט אין לאָנדאָן. ער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי „דער לעבעדיקער צייטונג״ איבערן אַראַבישן פראָבלעם אין ישראל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יעקב הלוי. יצחק נאַטאַני האָט זיך מיטבאַטייליקט אין אָוונט.

אין די לעצטע איניקע וואָכן ביי די שבת־נאָכמיטאָגס האָבן זיך באַטייליקט מיט לייענען שלום־עליכמען, פרצן און אַנדערע נעט רובין אוןאייזיק גאָלד־בערג; מיט רעדעס סעם לעף — עלאַ זילבערג; מיט זינגען פאָלקס־לידער מאיר באגאדאנסקי.

דאָס באַקאַנטע אַקטיאָרן פּאָרל, סעם גאָלדבערג און עלען ווינאגראַד צוריקקומענדיק פון אַ טורנעע, האָבן דערציילט פון זייערע איינדרוקן און געזונגען פאָלקס־לידער ביי די שבת־נאָכמיטאָגס און זער וואַרעם אויפגע־נומען ביים עולם.

ליפּע הערענשטיין, דער זינגער פון ישראל, איז אויפגעטראָטן אין וויגמאָר־האָל מיט יידישע פאָלקס־לידער. דער גרויסער עולם אין זאַאל האָט אים שטאַרק אפּלאָדירט.

דרייסיגסטער יאָרגאַנג פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן״

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 445) דרייסיגסטער יאָר יאַנואַר 1969, לאָנדאָן.

אינהאַלט:

| | | |
|---|---|---|
| אַ וואָרט צום 30סטן יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן״, אַ ווייטשעפּל־ליד, צום יאָר 1969 | | 3 |
| ניי־יאָר (ליד) | שמואל וההייט | 8 |
| משה עובדס צוועלף זילבערנע יידעלעך | ש. טענענבוים | 8 |
| איינס און איינס (ליד) | יוסף לעפּטוויטש | 10 |
| שמאַלצאַווניקעס (דערציילונג) | יוסף ד. באַסט | 11 |
| פאַרוויאַנעטע בלעטער (ליד) | עלאַ זילבערג | 14 |
| רפאל מאַזין (פון סעריע „ווייטשעפּלער טיפּן״) | י. ח. בענקוויטש | 14 |
| אָוונטיקע שעה (ליד) | דוד אַפּאַלאָוו | 17 |
| אַראָפּ פונם יאַריד . . . אויפן בראָכשטול פון צייטן (פּראָזע און פּאָעזיע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| „ליב האָבן ישראל״ | אייזיק גאָלדבערג | 20 |
| ירושלים (ליד) | עלזע לאַסקער־שילער | 31 |

## יידיש־ליטערארישע שבת־נאָכמיטאָגס

(בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 הענריקעס סטריט, א.1. 3 אַזייגער)

שבת, דער 25סטן יאַנואַר, סעם לעף: די פּאָליטישע לאַגע אַצינד אין דער וועלט.

שבת, דעם 1־טן פעברואַר, „שבת־שירה פּראָגראַם״ — מאיר באגדאנסקי וועט זינגען פאָלקסלידער און אייזיק גאָלדבערג וועט פאָרלייענען.

שבת, דעם 8טן פעברואַר, יעקב ריכטיגער: חמשה־עשר בשבט אין דער יידישער אגדה. נעט רובין וועט רעציטירן; מאַדאַם נאַדלער וועט זינגען ישראל־לידער.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*